## קונטרס

# ממזרח שמש עד מבואו

### די לעבנ'ס געשיכטע פון רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זיעועכי"א



יו"ל ע"י תלמידי ת"ת יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר בני ברק

לרגל יומא דהילולא קדישא של מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

כ"ו אב תשל"ט - כ"ו אב תשע"א

# אריינפיר

אויפן ערשטן פסוק פון די פרשה פון די וואך "ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה" ברענגט צי דער בעל הטורים א רמז "ראה אנכי" - שבעשרת הדברות, ע"כ.

די ווערטער פון בעל הטורים איז זייער פאסיג ווען מיר שטייען ערש"ק פר' ראה פארן יומא דהילולא רבא פון רבינו הק' והטהור זיעוכי"א, ווען מיר האבן בס"ד צוזאם געשטעלט אין קורצן די איבערלעבעניש פון אונזער רבי'ן זי"ע - כדי צו האבן א שטיקל באגריף אויפן צדיק כתמר, ווי אזוי ער האט משפיע געווען, תורה, תפילה, גמילות חסדים, אמונה בביאת המשיח, חינוך הבנים והבנות, אלעס על טהרת הקודש, און נאך ...

עס איז פאר יעדן באקאנט די הייליגע ספרים שהשאיר אחריו ברכה, ובראשם די ספר הקדוש "ויואל משה", וואס איינער פון די שיירי כנה"ג פונעם פריערדיגן דור, דער קאלוב'ער רבי זצ"ל (פון אמעריקא) האט צוגשריבן אין זיין אייגענעם ספר אונטער די ווערטער פון "ויואל משה" די ר"ת 'אנכי 'ולא 'יהי' 'לך, 'מפי 'הגבורה 'שמענו.

מיט אט די ווערטער קען מען אפשר טייטשן דעם פסוק, 'ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה' מיטן בעל הטורים 'ראה אנכי שבעשרת הדברות', מיר געבן דא פאר אייך חשובע תלמידים שיחיו, א ברכה, דאס איז דעם קונטרס אין וועלעכן עס ווערט באשריבן די גרויסקייט פונעם הייליגן בעל מחבר פונעם ספר 'ויואל משה', וואס די ר"ת דערפון איז דאך ווי דערמאנט 'אנכי שבעשרת הדיברות'.

יה"ר מיר זאלן זיין ראוי צו ווערן אנגערופן זיינע תלמידים הקרויים בנים. און ער זאל משפיע זיין אויף אונז אלע ברכות וכל מילי דמיטב.

המלמדים

יואל וויינבערגער　　　　מרדכי מנחם שווארץ

## וזרח השמש

דער כלל ישראל אין אונזער תקופה האט זוכה געווען צו א באזונדערן ליכטיגקייט, איינער פון די שפעטסטע צדיקים פון די תלמידי הבעל שם טוב, א גאון אין תורה און חכמה, א גאון אין עבודת השי"ת מיט מסירת נפש, א גאון אין גמילות חסדים, אין העלפן און מחי' זיין אידן, א צדיק אמת וואס האט פארמאגט אלע מעלות און מדות טובות וואס די הייליגע חכמים ז"ל רעכענען אויס ביי ערליכע אידן, דאס איז געווען כ"ק אדמו"ר רשכבה"ג רבינו הגדול והקדוש זכותו יגן עלינו וימליץ טוב בעדינו בעל "דברי יואל".

* * *

דער רבי זי"ע איז געבוירן געווארן ח"י טבת שנת ה' אלפים תרמ"ז אין די שטאט סיגעט צו זיין גרויסן טאטן – מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע וואס ער איז געווען א זון פון הגה"ק בעל ייטב לב אויך רב אין סיגעט, א זון פון הגה"ק רבי אלעזר ניסן טייטלבוים זי"ע רב אין דראביטש, א זון פון הגה"ק בעל ישמח משה רב אין איהעל (אונגארן), אויך איז דער רבי געווען א אייניקל פון דעם הייליגן מהרש"א און פון הייליגן מהרש"ל, פון הייליגן רמ"א און רש"י הקדוש און נאך...

די מאמע פון רבי'ן ז"ל איז געווען הצדקנית מרת חנה בת הגה"צ ר' יואל אשכנזי זצ"ל וועלכער איז געווען רב אין זלאטשעוו און ער איז געווען א גאון הגאונים אן אײדעם און א תלמיד ביי זיין שווער הגאון ר' יעקב מליסע זצ"ל דער חוות דעת, דער פאטער פון זלאטשעווער רב איז געווען הגה"צ ר' משה דוד אשכנזי זצ"ל רב אין טאלשעווע, סוף ימיו איז ער געפארן אויף ארץ ישראל און געווארן רב אין עיה"ק צפת, דער טאלשעווער רב איז געווען דער שווער פון דעם הייליגן ייטב לב זי"ע, דער פאטער פון ר' משה דוד אשכנזי איז געווען הגאון ר' אשר אנשיל זצ"ל רב אין ראזלא און מגיד מישרים אין לעמבערג (פוילן), מען האט עדות געזאגט אויף אים אז קיין פרוטה האט קיינמאל נישט גענעכטיגט ביי אים אין טאש נאר ער האט אלעם צעטיילט פאר צדקה, זיי זענען געווען אן אפשטאם פון חכם צבי ביז ר' יוחנן בן זכאי, און למעלה בקודש ביז דוד מלך ישראל.

די שיינע מדות טובות, דאס גרויסע אהבת ישראל, דאס סבר פנים יפות אלעמאל צו יעדן איד, און א גוט ווארט צו יעדן מענטש, דאס וועקגעבן זיך אינגאנצן פאר אן אנדערן, און נאך מדות טובות האט געהאט א גרויס חלק זיין מאמע די צדיקת ע"ה וואס זי פלעגט אים אלעמאל נאך אלץ קינד און שפעטער אויך, פיל צו דערציילן מעשיות, התנהגות פון צדיקי אמת, פון זייערע פירונגען און מדות טובות, און דאס האט ער זיך גוט איינגעקריצט אין מוח, און האט זיך מייגע געווען דערויף, געהארעוועט, ביז דער רבי זי"ע איז טאקע אויסגעוואקסן א צדיק אמת, ממש א יחיד בדורו.

י"ח טבת שנת תר"ם איז פארגעקומען די גרויסע בר מצוה אין די שטאט סיגעט, אין

הויז פונעם רב דער הייליגער קדושת יום טוב זי"ע, דאס פשעטע'ל וואס דער בר מצוה בחור האט געזאגט מיט קלארקייט אין לערנען, געפלאכטן מיט א פאר סוגיות אין ש"ס, האט יעדן באוואונדערט, זיין אייזערנעם מוח, מיט זיין גוטן זכרון, דרייסט, אן א פחד, אן א בושה, אזוי ווי א זקן ורגיל, קעגן א געוואלטיגן עולם וואס זענען זיך צוזאם געקומען לכבוד דעם באליבטן רב, די חשוב'ע בעלי בתים פון די שטאט, חסידים ואנשי מעשה זענען אלע דארט געווען, מען האט שוין דעמאלס געזען אז דאס קינד וועט וואקסן א גדול בישראל, א נייער ליכטיגער שטערן, וואס וועט ליכטיג מאכן פאר אידישע קינדער.

כ"ק רבינו זי"ע איז געווען א מנהיג ישראל 73 יאר, פון יאר תרס"ו ביז תשל"ט, אין זיין צייט איז פארגעקומען ביידע וועלט מלחמות, די ערשטע פון תרע"ד ביז תרע"ח, פיר יאר, און די צווייטע פון תרצ"ט ביז תש"ה, זעקס יאר, אזוי אויך אנדערע שווערע צייטן ווי ער האט פיל צוגעהאלפן פארן כלל ישראל מיט זיין פלאם פייערדיגן כח התורה, מיט זיינע געוואלדיגע דרשות, ער האט נישט מורא געהאט פאר קיינעם און פאר גארנישט נאר פאר'ן באשעפער פון דער וועלט, ער האט געהיטן און געשיצט דעם כלל ישראל מיט זיין קדושה און מיט זיין תורה, עבודה, און גמילות חסדים, ער האט באלויכטן דאס פינסטערניש און געווען דער וועגווייזער פאר דעם גאנצען דור.

* * *

אין יאר תרס"ד האט דער רבי זי"ע חתונה געהאט, אין די שטאט סיגעט, געציילטע טעג נאך די חתונה איז זיין גרויסער פאטער דער קדושת יום טוב נסתלק געווארן, און די שטאט סיגעט האט אויפגענומען אלס רב דעם עלטערן ברודער פון רבינו הקדוש, מרן הגאון הקדוש ר' חיים צבי טייטלבוים – דער הייליגער עצי חיים זיעועכי"א.

אין יאר תרס"ו האט זיך דער רבי ז"ל אריבער געצויגן קיין סאטמאר, וואו די חסיד'ישע אידן פון דארט האבן אים געבויעט א בית המדרש וואו ער האט געדינט השי"ת מיט זיין הייליגע עבודה און תפלות, און געלערנט פלייסיג די תורה הקדושה טאג און נאכט אן אויפהער מיט איבערמענטשליכע התמדה, און שוין דעמאלס האבן אנגעהויבן צו שטראמען צו אים פילע חסידים אנשעפן זיך פון דעם הייליגן קוואל, תורה און חכמה, עבודה, יראת שמים, מדות טובות, און גמילות חסדים, התחזקות הדרכה, און עצות, קדושה, טהרה, צו דינען השי"ת מיט שמחה, מיט אמת און יראת שמים.

אין סאטמאר איז דעמאלס געווען דער רב, הגאון הצדיק ר' יהודה גרינוואלד זכר צדיק לברכה מחבר פון ספר "שבט מיהודא" אן אייניקל פון חתם סופר און תלמיד פון כתב סופר. דער "שבט מיהודא" וואס איז געווען דעמאלס פון די זקני וגדולי הדור האט ארויסגעוויזן גרוים ליבשאפט צו כ"ק רבינו זי"ע און ער האט אים שטארק מכבד געווען ביי יעדע געלעגנהייט, טראץ דעם

וואס רבינו זי״ע איז נאך דעמאלס געווען גאר יונג און נאכנישט געווען אפילו צוואנציג יאר.

## ארשיווא

אין יאר תרע״ו איז דער רבי זי״ע אויפגענומען געווארן אלס רב אין דעם שטעטל ״ארשיווא״ וואס האט געהאט אונטער זיך צענדליגער שטעטלעך און דערפער איבער וועלכע דער רבי זי״ע איז געווען רב, שוין דעמאלטס איז דער רבי זי״ע געווארן מפורסם אלס גאון און ״גדול״ און די גרויסע גאונים פון דעמאלס׳דיגן דור האבן איהם שוין אנגעפרעגט פארשידענע הלכה שאלות, און זענען שטארק נתפעל געווארן פונעם שכל הישר, גאונות און צדקות.

אין ארשיווא האט דער רבי זי״ע אנגעהויבן ממשיך צו זיין דעם הייליגער דרך פון זיין טאטן דער הייליגער ״קדושת יום טוב״ און פון זיין זיידן דער הייליגער ״ייטב לב״ צו פירן א ישיבה און מרביץ תורה צו זיין פאר אידישע קינדער, און ער האט געגרינדעט א ישיבה וואו בחורים פון פארשידענע שטעט פון נאנט און ווייט האבן אנגעהויבן שטראמען, צו האבן די זכי׳ לערנען אין די הייליגע ישיבה פונעם רבי׳ן, וואס ער האט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט צו יעדן תלמיד בעזונדער געשטרעבט אריינצובריינגען תורה, יראת שמים, קדושה און חסידות, פון די ישיבה זענען נאכדעם טאקע ארויסגעקומען גרויסע תלמידי חכמים, ראשי ישיבות, רבנים, און פיל ערליכע אידן, בעלי בתים, חסידים ואנשי מעשה.

אין יאר תרע״ד ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה האט דער רבי זי״ע געמוזט אוועקפארן פון ארשיווא און איז דעמאלס צוריק געפארן קיין סאטמאר אויף א שטיקל צייט ביז ער האט זיך געקענט צוריקקערן צו זיין ישיבה און קהלה אין ארשיווא.

נאך אלץ פרישער יונגערמאן האט זיך רבינו הקדוש ארויסגעוויזן פאר א רועה נאמן, און מנהיג ישראל פאר זיין עדה אידן, די עטליכע שטעטלעך און דערפער איבער וועלכע רבינו הגדול והקדוש זי״ע איז געווען דער רב, דער מרא דאתרא, האבן זיך געפילט אונטער א געטרייעם שומר, א היטער, א שיצער, כנשר יעיר קנו, על גוזליו ירחף, ווי א אדלער באשיצט זיינע פייגעלעך פון יעדן שונא, פון יעדן געפאר, פון יעדע סכנה, אזוי האט רבינו זי״ע נאך אלץ ארשיווער רב שוין געוואוסט וויאזוי צו העלפן אידן, צו היטן און שיצן אידישע קינדער, ווייל עס האט קיינמאל נישט געפעלט קיין שטערערס, מסיתים ומדיחים און פארפירערס, סיי ווען די ציונים האבן אנגעפאנגען מיט זייערע וועגן, סיי פון אנדערע פירצות הדור, דער יצר הרע, דער שטן, מיט זיינע שליחים זענען אלעמאל געווען טעטיג, ווי עס איז באוואוסט ווי דער רבי זי״ע האט זיך ממש זיין לעבן איינגעשטעלט ביי א תרעובות׳דיגע חתונה אין א דארף אין זיין

גליל, ווי א גבור חיל דרייסט אן שום מורא, האט ער זיך אקעגנגעשטעלט קעגן יעדן פירצה אדער גרינגשעצונג פון שמירת תורה ומצוות, שטארק ווי א לייב, און דרייסט ווי א לעמפערט, די מענטשן פון יענע חתונה וואס האבן זיך אנטקעגן געשטעלט מיט א עזות און חוצפה האבן גלייך דערנאך באקומען זייער א ביטערן סוף, וואס אלע צייטונגען האבן שפעטער געשריבן פון דעם.

## קראלי

אין יאר תרפ"ו איז דער רבי זי"ע אויפגענומען געווארן אלס רב אין די שטאט קראלי, פאר דעם איז דארט געווען רב הגאון הצדיק ר' שאול בראך זי"ע דער קאשוי'ער רב, דער רבי זי"ע האט דארט איבערגעפלאנצט זיין הייליגע ישיבה וואס האט געהאלטן אין איין וואקסן, און אויך אין די קהלה האט ער פיל אויפגעטאן.

אין קראלי האט דער רבי זי"ע לוחם געווען ווי פריער קעגן די ציוניסטישע פארטייען וואס האבן דעמאלס אנגעהויבן אויסצושפרייטן זייערע נעסטן איבער די שטעט פון אונגארן און רומעניע, ער איז ארויסגעקומען מיט א קול קורא קעגן זיי, און געשטורעמט קעגן זיי מיט אלע כוחות, זעענדיג די גרויסע סכנה וואסווארט אויפ'ן כלל ישראל דורך זיי, ער איז געשטאנען אויף דער וואך מיט מסירת נפש, אז דער ווארעם פון ציוניזם זאל זיך נישט אריין עסן אין די יוגנט און ער האט ארויסגעטרעטן שארף ביי יעדע געלעגנהייט, ווי למשל ער האט איינמאל אפגעשפארט אויף א שטיק צייט א בית המדרש אין קראלי אלם קנס פאר דעם וואס זיי האבן געגעבן א עלי' צו די ספר תורה פאר איינעם פון די מזרחי פארטיי, און אזוי ווייטער ביי יעדע פירצה.

דער רבי זי"ע אויך ווען ער איז שוין געווען רב אין קראלי האט ער אבער אנגעהאלטן די פריינדליכע באציאונגען צו זיין געוועזענע קהלה אין ארשיוואו, ער איז אפט געפארן צו זיין אויף שבתים זיי מחזק צו זיין, ער האט זיי אויך געשריבן און מעורר געווען קעגן אלע פירצות פון דור, קעגן ציונות, און ער האט פון זיי שטענדיג געפאדערט אז זיי זאלן זיך האלטן פעסט אין דעם וועג וואס ער האט מיט זיי געלערנט.

אין יאר תרצ"ב איז דער רבי זי"ע דאס ערשטע מאל געפארן באזוכן ארץ ישראל, וואו ער איז געשעצט געווארן דורך אלע ערליכע אידן תלמידים חכמים און צדיקים וואס זענען דעמאלס געווען אין ארץ ישראל, ווען דער רבי זי"ע איז צוריקגעקומען קיין קראלי איז אים געקומען א בריוו פון ארץ ישראל אז זיי ווילן אים אויפנעמען אלס רב אין ירושלים אנשטאט הגאון הצדיק ר' יוסף חיים זאנענפעלד זכר צדיק לברכה וואס איז דעמאלס נסתלק געווארן, דער רבי זי"ע האט זיי דעמאלס צוריקגעשריבן א בריוו ווי ער זאגט אפ דעם רבנות פאסטן און ער שרייבט זיי התחזקות רייד און טרייסט נאכ'ן פארלוסט פון זייער גרויסן רב.

## סאטמאר

אין יאר תרצ"ד איז כ"ק רבינו זי"ע אויפגענומען געווארן אלס רב אין די עיר ואם בישראל "סאטמאר" אנשטאט הגאון הצדיק ר' אליעזר דוד גרינוואלד זצ"ל, מחבר פון ספר קרן לדוד, וואס האט געהאט איבערגענומען דאס רבנות נאך די פטירה פונעם בעל שבט מיהודה זצ"ל.

אויך אין סאטמאר איז איבער געפלאנצט געווארן די גרויסע ישיבה פון דעם רבי'ן וואס עם איז פיל געוואקסן ביז עם האבן שוין דארט געלערנט מער פון פיר הונדערט בחורים תלמידי חכמים ויראי השי"ת, וואס דעמאלם איז דאס געווען פון די גרעסטע ישיבות.

אין סאטמאר איז שוין דער רבי זי"ע נישט געווען קיין גאסט, ווי עס ווערט שוין דערמאנט אין די פריערדיגע קאפיטלעך אז דער רבי זי"ע האט שוין געוואוינט דארט איינמאל אלס יונגערמאן, און דערנאך אויך אין די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה אלס ארשיווער רב, פונדעסטוועגן איז מיט'ן אנקומען פון רבי'ן זי"ע קיין סאטמאר אלס רב געווארן א גרויסע ענדערונג אין די גאנצע שטאט.

סאטמאר וואס איז שוין געווען באקאנט ביז יעצט אויך מיט אירע ישיבות פון די פריערדיגע רבנים ז"ל אלס א מקום תורה, איז עס אבער יעצט דערהויבן געווארן אלס א צענטער פון תורה, חסידות, יראת שמים און צניעות, סאטמאר האט גע'שמ'ט מיט אירע לומדי'שע בחורים, ערליכע יונגעלייט, חסידישע אידן, שיינע צניעות'דיגע אידישע שטובער, לויט די תקנות וואס דער רבי האט געמאכט אין סאטמאר, (עיין דברי יואל מכתבים חלק ראשון סימן ד') וואס האבן זיך געהאלטן אין איין פארמערן דורך די השפעה און הייליגע ארבעט פון רבי'ן זי"ע.

אין סאטמאר האט דער רבי זי"ע געוואוינט ביז נאך פסח אין יאר תש"ד, ווען עס האבן זיך אנגעפאנגען די גרויסע צרות פון געטא, אוישוויץ, און די אנדערע דייטשע לאגערן.

די שטאט סאטמאר האט זוכה געווען אז דער צדיק, וואס איז איז געווען רב אויך אין אנדערע שטעט, פונדעסטוועגן איז ער באקאנט געווארן איבער די גאנצע וועלט מיט דעם נאמען "סאטמארער רב". סיי די אנהענגערס, די תלמידים חסידים, און סיי די געגנערס, די ציונים און זייערס גלייכן, ביי יעדן איז ער גערופן געווארן אין זיין לעבן, און אויך שפעטער, נאר מיטן דעם נאמען סאטמארער רב, זכותו יגן עלינו וימליץ טוב בעדינו.

די שטאט "סאטמאר" האט אויך געהאט די זכי' אז אין די אלע יארן ווען דער רבי זי"ע איז שוין געווען אין אמעריקע, האט מען געוואוסט אז וואו עס געפינט זיך נאר א איד וואס פירט זיך אויף לויט די אנווייזונג פון די הייליגע תורה מיט אלע פרטים, סיי מיט די הייליגע שיטה נישט צו האבן קיין שום שייכות מיט ציונים, און סיי מיט צניעות, מען זאל נישט ווערן מיטגעריסן מיט פירצות פון די גאס, האט מען דעם

איד אנגערופן אז ער איז א "סאטמארער", אזוי ווי דער רבי זי"ע האט אליין געזאגט עטליכע מאל אין די דרשות (עיין פרשת בלק תשט"ז דרשה קודם קריאת התורה) וואו ער האט מעורר געווען מען זאל גיין אנגעטאן צניעות'דיג, האט ער שטענדיג געזאגט: "אז ווער עס האט שוין אויף זיך דעם פלעק "סאטמאר" קען ער סיי ווי סיי נישט אפווישן דעם פלעק מיט דעם וואס מען ווארפט אראפ פון זיך דעם עול פון צניעות".

דער נאמען "סאטמאר" וואס פון פריער איז עס געווען בלויז א שטאט, איז אצינד געווארן א וועלט'ס פארנעם, כמעט אין די גאנצע וועלט וואו עס געפינען זיך נאר א קיבוץ ערליכע אידן, איז אויך דא סאטמארער מוסדות התורה והחינוך, וואס זענען לשם ולתפארת, כל רואיהם יכירום שהם זרע ברך ה'.

דער נאמען "סאטמאר" וועט, מיט די הילף פון השי"ת פארבלייבן א יסוד, א פעסטונג פאר אידישקייט, וואס וועט באלייכטן טויזנטער אידישע הייזער דעם אמת'דיגן אומגעפעלשטן וועג פון תורה, עבודה און גמילות חסדים, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה דורך משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

## די מלחמה יארן

סוף זומער אין יאר תרצ"ט האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, היטלער – דייטשלאנד אנטקעגן פוילן, דער רשע און אכזר, דער בלוט – דארשטיגער חי' רעה, האט איינגענומען איין מדינה נאך די אנדערע, קודם אן א מלחמה נאר סתם אזוי אריינמארשירט, דערנאך האט מען זיך אקעגן געשטעלט, האט ער מלחמה געהאלטן, און ער האט ליידער געהאט אן אויסער געווענליכע הצלחה.

אזוי ווי נמרוד הרשע, און פרעה מלך מצרים, אזוי ווי סיסרא מלך יבין און סנחרב מלך אשור, האבן געהאט איבערנאטורליכע הצלחות, געזיגט מלחמות, און געווארן גרוים.

פונקט אזוי ווי נבוכדנאצר מלך בבל און טיטוס הרשע האבן מצליח געווען מיט'ן חרוב מאכן און פארברענען דאס ערשטע און צווייטע בית המקדש, און פארטרייבן אידישע קינדער אין גלות אריין, ביז צום היינטיגן טאג.

פונקט אזוי האט בעוונותינו הרבים, אויך דער צורר היהודים היטלער ימח שמו דער פירער פון דייטשלאנד, אויך מצליח געווען איינצונעמען כמעט גאנץ אייראפע.

וואו ער איז נאר אריינגעקומען מיט זיינע סאלדאטן, איז געווארן חושך ואפילה, פינסטער און ביטער פאר אידן, צרות יגון ואנחה, פאר אלע אידישע איינוואוינער פון דעם לאנד וואס ער האט אריינגעטראטן.

רבינו הגדול זי"ע האט אין די מלחמה צייטן געהאלפן אידן, געטרייסט אידן, געגעבן עצות פאר אידן, מחזק געווען אידן, מען זאל זיך נישט פארלירן נאר בעטן און האפן צו השי"ת, וואס איז שומע תפלת כל פה, און אזוי האט דער רבי

געהאלפן ראטעווען, מציל זיין אן א שיעור אידן און גאנצע משפחות פון אונטערגאנג, ווי מען האט נאר געקענט, וועם מען האט נאר געקענט האט מען מציל געווען, געגעבן אן עצה, צו פראבירן ניצול צו ווערן פון די רשעים הארורים.

אבער ליידער די עבירות פון דור האבן גורם געווען די הצלחה פון דעם צורר היהודים (ווי עס שטייט אין ספר ויואל משה חלק א׳ אנפאנג ספר) און במשך די טרויערדיגע מלחמה יארן האט דאס כלל ישראל געליטן א גרויסן חורבן, מער פון 6 מיליאן אידן זענען בעוונותינו הרבים אומבאברענגט געווארן אויף קידוש השם, דורך די דייטשע רשעים און זייערע מיטהעלפער.

דער מדרש זאגט, ווען השי״ת האט באשאפן דעם ״אייזן״ האבן אלעביימער אנגעפאנגען צו ציטערן, וואס וועט זיין מיט אונז, די האק וואס איז געמאכט פון אייזן, וועט אונז אויסהאקן און פארניכטן.

האט דער אייזן געענטפערט, איר האט פאר מיר גארנישט וואס מורא צו האבן, אן דעם הילף פון ״אייך״ קען איך גארנישט טאן, ווילאנג די ביימער געבן נישט א שטיק האלץ פאר א אנכאפער, קען די האק נישט האקן.

אזוי אויך ביי אלע אידישע צרות ר״ל, ווען נישט די מתיוונים וואס שטאמען נעבעך פון אונז אידן, וואלטן די יוונים, דער מלכות יון הרשעה קיינמאל נישט געקענט טאן מיט אונז וואס זיי האבן ליידער יא געטאן, ווען נישט די הילף פון די ציונים וואס שטאמען נעבעך פון אונז, וואלט דער צורר היהודים היטלער ימח שמו וזכרו, מיט זיין ארמיי, קיינמאל נישט געקענט אזא גרויסן חורבן ברענגען אויפ׳ן כלל ישראל, אזוי ווי דער נביא זאגט מהרסיך ומחריביך ממך יצאו (עיין על הגאולה ועל התמורה וספר מן המצר)

## אין געטא און אין לאגער

אין יאר תש״ד נאך פורים, האבן זיך שווערע וואלקענעס פארשפרייט איבער אונגארן, און די אלע אידן פון די שטעט זענען ליידער אריינגעפאלן אין דעם גרויסן פינסטערניש, אין די דייטשע הענט, ווען דער צורר היהודים, היטלער ימח שמו וזכרו, האט געזען אז זיין מפלה איז גאר נאנט, האט ער געוואלט כאפן וואס עס לאזט זיך, און בעוונותינו הרבים איז אים געלונגען, אין די לעצטע מינוטן האט ער דערכאפט כמעט אלע אידן פון אונגארן, נאנט צו א מיליאן אידן אנשים נשים וטף.

בליץ שנעל האט זיך פארשפרייט די ידיעה די דייטשע ארמיי האט אריינמארשירט און באזעצט גאנץ אונגארן, גלייך האבן זיך אנגעפאנגען די אכזריות׳דיגע געזעצן א איד טאר נישט ... גארנישט, נישט גיין אויף דער גאס, נישט ארבעטן, נישט פירן קיין געשעפטן, נישט האבן קיין פרנסה, אויך נישט א מעגליכקייט איינצוקויפן, און אוודאי נישט קיין טעלעפאן, און נאך...

די ״געלע שטערנס״ האט מען געמוזט אנטאן, מען האט צוזאמגענומען די אידן אין געטאס, צוזאמגעשטופט א פאר

משפחות אין איין שטוב, דער צוועק איז געווען באוואוסט, אזוי ווי אין פוילן, סלאוואקיי, עסטרייך און דייטשלאנד, פראנקרייך, בעלגיע און האלאנד, אוקריינע און ליטע, און אלע אנדערע לענדער וואו דער רשע, דער צורר היהודים האט באזעצט, האט מען דורכגעפירט די גזירה פון המן הרשע האגגי צורר היהודים להשמיד להרוג ולאבד, מנער ועד זקן, אנשים ונשים וטף, ולא יזכר שם ישראל עוד ח"ו.

יעדער ווער עס האט געקענט, אדער געהאט די מעגליכקייט צו אנטלויפן, האט פראבירט, כל מה שיש לו יתן בעד נפשו, וואס טוט דען נישט א מענטש צו ראטעווען זיך דאס לעבן, ער טוט אלעס וואס ער קען נאר.

אזוי אויך איז דער רבי זי"ע אנטלאפן פון סאטמאר אינמיטן די נאכט אין די באגלייטונג פון די רביצין, און דער געטרייער משמש בקודש ר' יוסף אשכנזי מיטן פלאן אריבער צו גיין די גרעניץ אויף רומעניע.

דער נביא ישעי' זאגט אבער, כי לא מחשבותי מחשבותיכם וגו' נאום ה', השי"ת האט פיל בעסערע עצות ווי אזוי מציל צו זיין א צדיק אמת, איז טאקע דא אויך דער רצון השי"ת אנדערש געווען, מען האט זיי געכאפט און איינגעשפארט אין תפיסה, אין די שטאט קלויזנבורג, דערנאך אין געטא.

מען איז געווען אין די הענט פון די רשעים רוצחים, אכזרים, עס האבן זיך געצויגן די טעג, וואכן, און חדשים מיט פחדים נוראים, מיט אימת מות, מען האט ארומגעוואנדערט איבער שטעט און לענדער, ביז מען איז אנגעקומען אויף דייטשלאנד אין לאגער בערגן – בעלזן, י"ח תמוז תש"ד.

פונקטליך פינף חדשים פון טאג צו טאג, איז מען געווען אין דעם לאגער ביז י"ח כסלו תש"ה.

פון איין זייט איז דאס געווען פינסטערע און ביטערע טעג פול מיט צרות יגון ואנחה, פייניגונגען מיט אוממענטשליכע כוחות.

פון די אנדערע זייט אבער האט מען געזען די גרויסע נפלאות הבורא, צו זיין אין לייבן מויל, און נישט געשעדיגט צו ווערן, קיין שום מענטשליכע האנט קען אהין נישט גרייכן, און קיין שום דרך הטבע'דיגער כח קען דאס נישט באווייזן.

נאר דער גרויסער באשעפער פון דער וועלט, ווער עס האט מציל געווען חנני' מישאל ועזרי' פון קאלעך אויוון, ווער עס האט מציל געווען דניאל'ן פון לייבן גרוב, און געהאלפן, געשיצט, און מציל געווען אלע אנדערע צדיקים, אט דער זעלבער באשעפער האט מציל געווען דעם צדיק אמת שפעולתו אמת, ווער עס האט אייביג אין זיין לעבן געדינט השי"ת מיט אמת, רבינו הגדול והקדוש זי"ע.

אפילו די דיוקנא קדישא, די הייליגע בארד און פיאות איז אים נישט באריהרט געווארן, און אפילו די קליידער נישט געענדערט [די באוואוסטע קליידער וואס אלע מענטשן

אין לאגער האבן געמוזט אנטאן, האט נישט מחייב געווען דעם רבי'ן זי"ע].

## כ"א כסלו תש"ה

ענדליך י"ח כסלו תש"ה איז מען ארויסגעפארן מיטן באן פון בערגן-בעלזן נאך דריי טעג פארן איז מען אנגעקומען אין דעם באוואוסטן טאג כ"א כסלו תש"ה צו די שווייצער גרעניץ.

אין דעם טאג כ"א כסלו ה' אלפים תש"ה 2 אזייגער ביינאכט נאך חצות, איז געווען די מזל'דיגע שעה, דער עת רחמים ורצון, ווען דער באן איז אריבער די גרעניץ פון דייטשלאנד אויף שווייץ, און רבינו הקדוש זי"ע, מיט א טראנספארט אידן אינאיינעם, זענען ניצול געווארן ממות לחיים, מאפילה לאורה, מצרה לרוחה, השי"ת מיט זיינע גרויסע חסדים האט אויסגעלייזט דעם צדיק אמת פון טויט צום לעבן, פון פינסטערניש צו ליכטיגקייט, און פון צרות און ענגעשאפט, צו א פריי נארמאל לעבן מיט הרחבת הדעת.

אט אין די שווערע צייטן האט השי"ת ברוב רחמיו וחסדיו איבערגלאזט פאר די וועלט דעם "רעיא מהימנא" געטרייען פאסטוך פון כלל ישראל כ"ק רבינו זי"ע, וואס איז אין דעם טאג כ"א כסלו תש"ה באפרייט געווארן פון די דייטשע רשעים דורך נפלאות הבורא, מיט פלאי פלאים נסים ונפלאות.

* * *

אין אנפאנג נאך די מלחמה האט זיך דער רבי זי"ע אויפגעהאלטן אין די שטאט גענף (שווייץ) פון כ"א כסלו ביז סוף זומער, און דערנאך אין חדש אלול שנת תש"ה לפ"ק איז ער געפארן זיך באזעצן אין ירושלים עיה"ק.

אין ירושלים האט דער רבי זי"ע אויך אנגעהויבן מחזק צו זיין די צעבראכענע אידן וואס זענען ארויסגעקומען פון די לאגערן, דער רבי זי"ע האט אסאך זיי אויסגעהאלטן כדי זיי זאלן נישט מיטגעריסן ווערן מיט די פושעי ישראל די ציונים וואס זיי האבן געזוכט אריינצוכאפן אין זייער נעץ פארפלאגטע מענטשן, דער רבי זי"ע האט אויך אויפגעשטעלט א ישיבה פאר די איבערגעליבענע קינדער און בחורים וואס זענען אנגעקומען פון די לאגערן, פון די אונטערנעמונגען און דעם שווערן עול וואס ער האט גענומען אויף זיך איז רבינו הק' געווארן א גרויסער בעל חוב אזוי אז ער האט געדארפט ארויס פארן קיין אמעריקא אויף א קורצע צייט צוזאמשטעלן געלט כדי ער זאל קענען אנגיין מיט די געוואלדיגע הייליגע ארבעט אין ירושלים.

ראש השנה אין יאר תש"ז איז די שיף אנגעקומען קיין ניו יארק, דער רבי זי"ע איז געבליבןווארטן אין די שיף ביז נאך יום טוב, די שמחה איז געווען אויסער געווענליך גרויס מקבל פנים צו זיין דעם צדיק וקדוש אבוהון ורבן של ישראל, מוצאי יום טוב ראש השנה איז דער רבי זי"ע אנגעקומען אויף וויליאמסבורג דאס ערשטע מאל, און בהשגחה פרטית איז צוגעפירט געווארן אז דער רבי איז שוין

נישט צוריקגעפארן קיין ארץ ישראל, נאר ער איז פארבליבן וואוינען אין אמעריקא.

## מלחמה קעגן די ציונים

אין די שווערע צייטן פון די מלחמה און נאך די מלחמה יארן, האבן די רשעים די ציוניסטן וואס האבן אראפגעווארפן פון זיך דעם עול, דעם יאך פון די תורה און די מצוות און איבערהויפט צו לייקענען אין ביאת המשיח, אויסגענוצט די געלעגנהייט צו מאכן א אידישע מדינה, וואס דאס איז זייער א גרויסע איסור על פי תורה און אויך א גרויסע סכנה פאר'ן כלל ישראל, אין די שווערע צייטן איז פאר זיי געלונגען דורכצופירן פארן זייער הויפט ציל, און אין יאר תש"ח איז ליידער געלונגען פאר די רשעים און אפיקורסים, די ציונים האבן אויסגעפירט זייער פינסטערן פלאן און האבן איינגענומען דאס הייליגע לאנד ארץ ישראל און אויפגעשטעלט דארט אן אייגענע מדינה, וואס דאס איז כפירה אין ביאת המשיח און אין די הייליגע תורה.

א גרויסער טייל אידן וואס זענען געווען צעבראכן פון דעם גרויסן חורבן וואס היטלער הרשע דער צורר היהודים ימ"ש האט געמאכט, זענען ליידער פארנארט און מיטגעריסן געווארן מיט'ן שטראם פון די גאס, זעענדיג אז עס איז געווארן א "אידישע" מדינה.

אט אין די שרעקליכע צייט האט דער רבי זי"ע אויסגעשריגן אז מען זאל וויסן אז דאס איז נישט קיין גאולה ח"ו נאר א גרויסער חורבן און א פרישער גלות, דער רבי זי"ע פלעגט צו זאגן אז דער חורבן פון הקמת המדינה איז א גרעסערער חורבן פונעם חורבן בית המקדש, ווייל ביים חורבן בית המקדש זענען נאר פארלוירן געווארן אידישע "גופים" קערפערס, אבער די ציוניסטישע מדינה האט אוועקגעריסן די "נשמות" פון פילע טויזנטער אידישע קינדער פון תורה און אמונה, און זיי ערצויגן אלס פושעי ישראל, רשעים, כופרים, און שונאי הדת, און אומסגע'שמד'ט א גרויסן טייל פון כלל ישראל.

רבינו זי"ע האט ביי יעדע געלעגנהייט און יעדע וואך ביי די שלש סעודות תורות ארומגערעדט וועגן די שרעקליכע סכנה פון די ציונים, א גרויסע טייל דערפון איז אפגעדרוקט געווארן גלייך אין די קונטרסים "חידושי תורה" און "דברי יואל".

אין יאר תש"כ איז ארויסגעקומען דאס הייליגע ספר "ויואל משה" און אין יאר תשכ"ז איז ארויסגעקומען דער ספר "על הגאולה ועל התמורה" אין די ספרים האט רבינו זי"ע געשריבן און מברר געווען קלאר די הלכה לויט ש"ס און פוסקים פון דעם גרויסן איסור פאר אידן זיך אליין צו באפרייען פון גלות און אויפשטעלן א אידישע רעגירונג און א מלוכה פאר די צייט וואס השי"ת וועט אונז ווערן אויסלייזן דורך משיח צדקינו, אזוי אויך די הלכה אז מען טאר נישט האבן קיין שום שייכות מיט זיי און נישט גלייבן אין זייערע פאלשע נסים, נישט נעמען פון זיי קיין שום געלט אדער אנדערע טובות אדער שטיצע.

רבינו הקדוש זי"ע שרייבט אין די הקדמה פון ספר ויואל משה, אז אפילו דאס ספר זאל האבן גענוצט נאר פאר איין איד, האט זיך איהם געלוינט די גאנצע טרחה.

האט השי"ת טאקע וואונדערליך געהאלפן פלאי פלאים וואונדער איבער וואונדער, נישט בלויז פאר איין איד האט דאס גענוצט, נאר דער צדיק אמת האט געווינען די מלחמה און געראטעוועט דאס גאנצע דור.

**גבור ואיש מלחמה, בדת תורה תמימה,**

**מלא מדע וחכמה**

## שפתותיו דובבות

דער רבי זי"ע האט מחבר געווען די הייליגע ספרים:

1) ויואל משה / 2) על הגאולה ועל התמורה / 3) דברי יואל על התורה ומועדים / 4) שאלות ותשובות דברי יואל, און נאך פילע ספרים און קונטרסים וואס זענען שוין ארויסגעקומען.

### 1) ויואל משה:

דאס ספר ויואל משה האט דריי חלקים אין וועלכן עס ווערט אויפגעקלערט דער ריכטיגער דעת תורה וועגן דעם ענין פון ארץ ישראל, און די גאולה שלימה דורך משיח צדקינו, און דאס גרויסע שעדליכקייט פון ציונות וואס עס דערוויטערט פון די ריינע אמונה אין השי"ת און פון די תורה הקדושה, און נישט צו האבן קיין שום שייכות מיט זיי, און מיט אלע זייערע אנהענגערס, דאס ספר ענטהאלט דריי חלקים:

חלק א', מאמר שלש שבועות. וואס השי"ת האט באשווארן אידישע קינדער, נישט צו פראבירן ארויסגיין פון גלות פאר די ריכטיגע צייט וואס עס וועט זיין דורך משיח צדקינו.

חלק ב', מאמר ישוב ארץ ישראל, ווען עס איז א מצוה און א חיוב צו וואוינען אין ארץ ישראל און ווען און ווער דארף נישט און טאר נישט וואוינען אין ארץ ישראל.

חלק ג', מאמר לשון הקודש, דאס הארבקייט פון רעדן די שפראך פון די ציונים "עברית" און אויך דאס חשיבות, און וויכטיגקייט פון חינוך הבנות בזמן הזה, על דרך ישראל סבא, און דאס חשיבות פון צו העלפן דערצו.

### 2) קונטרס על הגאולה ועל התמורה:

אין וועלכן עס שטייט א קלארער דעת תורה נישט נתפעל צו ווערן פון די הצלחה און נצחונות פון די רשעים צו גלייבן אין די פאלשע הצלחה פון די ציונים נאך די מלחמה פון ששת הימים אין יאר תשכ"ז וואס פיל מענטשן זענען פארנארט געווארן פון די ציוניסטן, טייל האבן אפילו געזאגט אז עס איז געשען ניסים נאך גרעסער פון יציאת מצרים, איז דער רבי זי"ע ארויסגעקומען מיט דעם חיבור אויפצוקלערן די וועלט און עפענען די אויגן, מחזק זיין מען זאלן נישט נאכגעריסן ווערן פון די פאלשע מנהיגים וואס גלייבן אין די נסים פון די רשעים.

**3) דברי יואל על התורה ומועדים:**
דאס ספר איז צוזאמגעקליבן פון די הייליגע דרשות, דברי תורה וואס דער רבי זי"ע פלעגט צו זאגן יעדע וואך שבתים און ימים טובים ביי די הייליגע טישן פרייטאג צו נאכטס און ביי שלש סעודות און א טייל דערפון ביי די שבת מיטאג טישן שיינע פערלדיגע ווערטער, וואונדערליכע טייטשן און פשטים און מדרשים, דברי מוסר והתעוררות און התחזקות אויף די וואכעדיגע סדרה און אויף יעדן יום טוב.

**4) שאלות ותשובות דברי יואל:**
דאס ספר ענטהאלט אן אוצר פון איבער הונדערט תשובות, ענטפער אויף שאלות וואס כ"ק רבינו זי"ע איז געווארן אנגעפרעגט פון פארשידענע שואלים, אנפרעגערס, תלמידי חכמים און רבנים וואס האבן געהאט שווערע שאלות פלעגן זיי אנפרעגן פון כ"ק רבינו זי"ע זיין הייליגע מיינונג און סיי וועלכן דין פון די פיר חלקים פון שולחן ערוך.
כ"ק רבינו זי"ע, טראץ דעם וואס ער איז געווען שטענדיג שטארק פארנומען מיט זיין עבודת הקודש אנצופירן זיין אייגענע קהלה און די מוסדות החינוך, און מוסדות צדקה וחסד אויף וועלכן ארט עם זאל נאר זיין, האט ער זיך מיט גרויס מיה און שווערינקייטן אוועקגעריסן פון די אלע טרדות און ער האט אליין געענטפערט פאר די אלע שואלים (אנפרעגערס) און מברר געווען די הלכה לויט די ראשונים און אחרונים וועלכע האבן באלויכטן די וועלט מיט זייער תורה, און דערפון ארויסגעברענגט א קלאר דעת תורה אויף די היינטיגע צייטן.
פיל תשובות וואס דער רבי זי"ע האט געשריבן אין די יארן בעפאר די מלחמה זענען פארלוירן געווארן אין די שווערער צייטן פון די צרות אין די צווייטער וועלט מלחמה אבער די תשובות וועלכע זענען יא געבליבן אויף א וואונדערליכן אופן זענען אלע געדרוקט אין ספר שו"ת דברי יואל.
השי"ת זאל העלפן אז רבינו הקדוש – זכותו יגן עלינו – זאל טאקע זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע אין דעם דאזיגן שוואכן דור, און מיר זאלן קענען זיך פירן ווי ער האט אונז געלערנט, ווייטער גיין אין דעם וועג וואס ער האט אונז געוויזן, און מחנך זיין אונזערע קינדער אזוי ווי ער האט אונז אלע יארן געלערנט און געגעבן אנגעוויזן, און זיך דערהאלטן ביים אומגעפעלשטן אמת'דיגן תורה וועג אנו וזרעינו וזרע זרעינו עד עולם און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די ליכטיגע תקופה פון ביאת משיח צדקינו ומלכינו כ"ק רבינו עט"ר בראשינו בב"א.

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

קונטרס

# פרקי זכרונות

סיפורים ועובדות מרבינו הקדוה"ט בעל דברי יואל זיעועכי"א



יו"ל ע"י תלמידי ת"ת יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר בני ברק

לרגל יומא דהילולא קדישא של מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

כ"ו אב תשל"ט - כ"ו אב תש"ע

## טובים השנים מן האחד

אין ספר עובדות והנהגות לבית בריסק (חלק ד׳) ווערט דערציילט, אז הגאון רבי דוב בעריש ווידנפעלד זצ״ל מטשעבין, האט אמאל געזאגט פאר איינעם פון זיינע מקורבים, איך ווער נתפעל פונעם ״חריפות״ פון בריסקער רב הרי״ז סאלאווייטשיק זצ״ל, און דער בריסקער רב זאגט אז ער ווערט נתפעל פון מיין ״בקיאות״, אבער אונז ביידע, דער בריסקער רב און איך, ווערן ביידע נתפעל פון סאטמארער רב׳ס ״חריפות״ און ״בקיאות״ צוזאמען.

## מיינע תורות זענען תפילות

עס איז אמאל געווען אין קראלי, אינמיטן ווען דער רבי האט געזאגט זיינע געהויבענע דברי תורה ביי די משתה היין אין טאג פורים, און איינער האט גערייכערט, און די רויך האט געשטערט פאר די מענטשן, האט זיך דער גבאי הרה״ח ר׳ פייוויש אשכנזי ז״ל אנגערופן אז מען זאל אויפהערן צו רייכערן, מיטאמאל האט זיך דער רבי ז״ל אנגערופן ״עד מתי עשנת בתפילת עמך״ און האט דערביי צוגעלייגט און געזאגט ״ווען איך זאג תורה בין איך מתפלל פאר אידן און ווי אזוי האט מען די העזה אין אזא צייט צו רייכערן״.

## עניו מאוד מכל האדם

דער רבי זי״ע האט איינמאל אפגעשטעלט אַ בחור (וואס האט איבער געחזר׳ט די גמרא תוס׳ וואס דער רבי האט פאר דעם פארגעלערנט) און געפרעגט ווי אזוי איז פשט אין תוס׳ ? און דער בחור האט געענטפערט, פרעגט דער רבי, מיר האבן דאך נישט אזוי געלערנט פשט, פון ווי נעמסטו די פשט ? פון מיין חברותא – פארענטפערט זיך דער בחור.

רוף איהם צו מיר – פאדערט די רבי. ווען דער רבי האט דערזעהן דעם חברותא, האט ער זיך אנגעפאנגן צו טענה׳ן מיט איהם, דער בחור מיטן שארפן קאפ האט זיך ווייטער געטענה׳ט, ביז ער האט באמערקט ווי בחורים קוקן איהם אן אויף זיין דרייסטקייט זיך אזוי צו טענה׳ן מיטן רבי׳ן, וועגן דעם איז ער נאכ׳ן לערנען אנטלאפן פון ישיבה, ביי מעריב האט דער רבי געפרעגט, אוואו איז דער בחור וואס האט מיר אויפגעלאכטן די ריכטיגע פשט אין תוס׳ ?!

## שם אתה מוצא ענוותנותו

עס האט פארציילט הרב החסיד המפורסם ר׳ חנני׳ יו״ט ליפא שווארץ זצ״ל בעל מחבר ספר ״המאזרינו חיל״, אז חנוכה איז געווען די מנהג אין ישיבה ביים רבי׳ן אז מען פלעגט ווארפן האנטעכער אויפן שמש וואס האט אנגעצונדן די חנוכה ליכט פאר מעריב, [ווי עס איז איינגעפירט כדי צו ווייזן אז די עיקר איז די חנוכה ליכט וואס מ׳צינדט אן אין שטוב, און נישט אין ביהמ״ד].

פארשטייט זיך אז אנטקעגן דעם רבי׳ן האבן די בחורים נישט געוואלט ווארפן, האט זיך אַ בחור געשטעלט אונטערן

פענסטער און פון דארטן אריינגעווארפן אַ האנטעך, און עס האט זיך צובראכן די פענסטער און איבער געדרייט די מנורה, דער רבי ז״ל האט זיך איהם געדאכט אויף עפעס אַ בחור אז ער האט עס געמאכט, האט איהם דער רבי געזאגט: ״ביים פארהער וועלן מיר שוין זעהן״ [אזוי האט דער רבי געטוהן פאר די בחורים וואס האבן זיך נישט געפירט ווי עס דארף צו זיין, אז ביים פארהער האט זיי דער רבי געפרעגט זייער שאלות און קשיות].

דער בחור האט זיך גוט צוגעגרייט צום שיעור בעיון רב, אזוי אז ביים פארהער האט איהם דער רבי פראבירט צו דרייען מיט קשיות, און וויבאלד ער האט גוט געקענט האט דער רבי איהם נישט געכאפט ביי אַ פראגע וואס ער זאל נישט וויסן קיין תשובה, נאכ׳ן פארהער זאגט דער בחור פאר׳ן רבי׳ן, נישט איך האב עס געווארפן! האט דער רבי איהם איבערגעבעטן ברבים, האט דער בחור געזאגט, אוודאי בין איך מוחל דעם רבי׳ן, אבער דער רבי זאל מיר מוחל זיין אויף די עגמת נפש וואס איך האב געמאכט פאר׳ן רבי׳ן, ענטפערט דער רבי, נו גוט, לאמיר זיך איבערבעטן איינער דעם צווייטן...

## רואה ואינו נראה

ווען דער רבי איז געווען אין לאגער ביי די צווייטע וועלט מלחמה האט פאסירט אַ מורא׳דיגער מעשה די צווייטע טאג פסח, ווען דער רבי איז ארויסגעגאנגען נאכן עסן האבן דעמאלטס די נאצים אנגעהויבן איהם צו זוכן, אבער דער רבי איז נישט געווען אין שטוב ווייל די גבאי ר׳ יוסף אשכנזי און די רעביצין האבן געבעטן ביי איינעם אַ צימער׳ל וואס דארט האט זיך דער רבי באהאלטן, ווען די נאצים האבן נישט געטראפן דעם רבי׳ן אין שטוב זענען זיי געווארן זייער אויפגערעגט, און מיט אַ ווילדקייט זענען זיי אריבער געשפרינגען די גדר וואס איז געווען ארום די גארטן וואו דארט איז דער רבי געשטאנען, די מענטשן וואס האבן געזעהן ווי די רשעים שטייען אזוי נאנט צום רבי׳ן זענען זיי זייער פארציטערט געווארן, אבער דא איז געשעהן אַ נס פאר׳ן גרויסן צדיק אז די רשעים האבן איהם נישט באמערקט אפילו ער איז געווען אזוי נאנט צו זיי, און די רשעים זענען אוועק פון דארט בבושת פנים.

## קדוש מרחם אמו

ווי באקאנט האט דער שינאווער רב געזעהן דעם רבי׳ן אלס קליין קינד ווען ער איז געווען אין טארנע אויף אַ חתונה אין די משפחה, און דער רבי׳ס פאטער דער הייליגער קדושת יו״ט זי״ע האט איהם געפרעגט צו ער וויל זען עפעס אַ אינטערסאנטע זאך, האט ער איהם אריינגעפירט אין שטוב ווי דער רבי איז געשלאפן ווי ערשטוינט איז דער הייליגער שינאווער רב געווארן ווען ער האט געזעהן ווי אזא יונגע קינד איז אינמיטן שלאף דאך נעמט ער מיט זיינע קליינע

פינגערלעך די ערמל פון זיין נאכט העמעד'ל און אזוי מיט דעם האט ער זיך געקראצט די קאפ אינמיטן שלאף, האט זיך דער שינאווער רב אנגערופן: "דאס קינד האט הייליגע הענטעלעך", און טאקע דער שינאווער רב זי"ע האט אונז אויסגעלערנט ווער און ווי אזוי עס דארף אויסזעהן אַ מנהיג ביי אידישע קינדער.

דער שינאווער רב זי"ע האט אמאל טאקע געטייטשט, דאס וואס מיר זונגען פרייטיג צונאכט'ס אין דעם זמר "מנוחה ושמחה"... הוא אשר דיבר לעם סגולתו שמור לקדשו מבואו ועד צאתו... ווער קען זיין אַ מנהיג פאר די עם סגולה? דער וואס היט זיך אפ צו זיין הייליג פון ווען ער קומט אויף די וועלט ביז ווען ער גייט אוועק.

## נישט געקענט אנקומען אין בית המדרש

מרן הגאון הקדוש בעל קדושת יו"ט האט מקפיד געווען אז אויך קליינע קינדער זאלן זיין אין בית המדרש בשעת קריאת התורה און אויסהערן דאס ליינען, און ער פלעגט אלעמאל אכטונג געבן אז דער עצי חיים און דער רבי זי"ע זאלן שטענדיג זיין נעבן איהם ביים ליינען, עס האט פאסירט ווען דער רבי איז געווען אַ קינד און בשעת מען האט אנגעפאנגען צו לייענען איז דער רבי זי"ע נישט געווען אין בית המדרש, און דער קדושת יו"ט האט געהייסן זיין משמש ער זאל גיין און זעהן אוואו דאס קינד געפינט זיך, דער משמש האט באגעגנט דעם רבי'ן ווי ער שטייט אין די גאס און ווייגט, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס וויינסטו? האט דער רבי געענטפערט "עס שטייען צוויי נשים אויף די צוויי זייטן פון דער גאס און מען טאר נישט אדורך גיין צווישן זיי, און איך קען נישט גיין אין ביהמ"ד הערן דאס לייענען, דער משמש האט געזעהן אז דער רבי זאל קענען אדורך גיין און ער איז גלייך געגאנגען אין ביהמ"ד אריין אויסהערן דאס ליינען.

## דאווענען מיט אַ ריינע מויל

דער רבי ז"ל אלץ קליין קינד פלעגט יעדן טאג זיך ארויסכאפן פון חדר אויף אפאר מינוט פארן דאווענען, דער געטרייער מלמד האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט, האט ער מחליט געווען נאכצוקוקן דעם יואל'ישל (ווי זיין פאטער דער קדושת יו"ט פלעגט איהם רופן מיט א לשון חיבה), און פארן מלמד האט זיך אנטפלעקט אַ מורא'דיגע זאך, דער קליינער אינגל וויל דאווענען מיט אַ ריינע מויל, איז ער געגאנגען זיך אפוואשן זיין הייליג מויל פארן דאווענען! פון דעמאלטס האט מען שוין געזעהן אז ער איז נישט אזוי ווי יעדער אינגל, נאר ער וועט נאך אויסוואקסן א צדיק הדור וואס וועט באלייכטן די וועלט.

## דער רבי איז מקרב צוריק זיינע תלמידים נאכ'ן קריג

עס האט דערציילט אַ תלמיד פון רבי'ן פון סאטמאר ר' טובי' לייב צימענט וועלכער

האט דעמאלטס געלערנט אין ירושלים, אין איינע פון די טעג ווען ר' טובי' לייב איז געגאנגען אין ירושלים אויפן גאס באגעגנט ער צוויי פארשוינען וועלכע זענען אנגעטוהן ווי ריכטיגע פרייע ישראלים מיט קורצע הויזן און קורצע העמעדער און האבן נישט געהאט קיין שום אידישע צורה, ער האט זיך גוט איינגעקוקט אין זיי, און ער האט זיך דערמאנט אז זיי זענען געוועזענע תלמידים פון רבי'ן ז"ל פון די שטאט סאטמאר, ער האט זיך פראבירט צו באפריינדן מיט זיי און צורעדן זיי זאלן מיט קומען מיט איהם צום רבי'ן ז"ל.

ווען מען האט דעם רבי'ן דערציילט וועגן די צוויי בחורים האט ער געגעבן אַ טיפן קרעכץ צוזעענדיג ווי אזוי צוויי חשוב'ע בחורים האבן זיך אזוי געגליטשט צו אזא מצב.

נאכ'ן שלום נעמען פונעם רבי'ן האט דער רבי אנגעהויבן צו פארציהען מיט זיי אַ שמועס און ער האט זיי געבעטן צו קומען אין זיין שטוב וואו עס וועט זיי גארנישט פעלן, די צוויי פארשוינען האבן בשום אופן נישט געוואלט בלייבן ביים רבי'ן, נאר זיי האבן מיט גרויס חוצפה געפרעגט מיט ליצנות, אויב דער רבי ווייסט אויף זיכער אז די בחורים וועלכע האלטן זיך אויף אין זיין ישיבה רייכערן נישט שבת אזוי ווי זיי.

דער רבי האט זיי געענטפערט, אפילו לאמיר שוין זאגן ווי ענק זאגן אז זיי זענען ח"ו מחלל שבת, טוט מען זיי נישט אריינרעדן אין זיי מינות און כפירה, און מיט די צייט וועלן זיי בלייבן ערליכע אידן.

די צוויי האבן ווייטער גערעדט מיט גרויס חוצפה צום רבי'ן ז"ל, אז זיי האלטן נישט ביים טוישן זייער וועג און עס איז אזוי גוט פאר זיי, ביז דער רבי האט זיך זייער צוקאכט אויף זיי און ער האט זיי אנגעכאפט ביי די קראגן פון זייערע העמעדער און ער האט זיי ארויס געפירט פון זיין שטוב, ווען זיי זענען שוין געווען אינדרויסן האט דער רבי געזאגט, איך האב זיי נישט געקענט אין פרצוף אריין קוקן, ווייל זיי האבן אויסגעזעהן ממש ווי שדים.

דער ר' טובי' לייב האט שוין חרטה באקומען אז ער האט זיי געברענגט צום רבי'ס שטוב, אבער דער רבי האט נישט נאכגעלאזט נאר צומארגנס האט ער צוגערופן ר' טובי' לייב, און איהם געזאגט גיי זיי אויפזוכן און ברענג זיי צו מיר אהער, אבער רבי? איך ווייס נישט וואו זיי וואוינען און וואו זיי דרייען זיך, גיי פאר ארום און זיך זיי אויף ווייל איך בין נישט רואיג, נאך עטליכע שעה האט ער זיי געטראפן און זיי געזאגט אז דער רבי רופט זיי, זיי זענען זייער נתפעל געווארן אז דער רבי רופט זיי, זיי האבן זיך איבער געטוהן אנדערע העמעדער מיט הויזן און געקומען צום רבי'ן, דער רבי האט געמיטלעך געשמועסט מיט זיי, און געפועל'ט זיי זאלן קומען אין זיין מוסד און אין זיין ישיבה און זיי זאלן בלייבן ביי איהם.

די צוויי בחורים האבן מיט די צייט אויפגעשטעלט שיינע אידישע שטובער בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. דאס איז נאר איין קליינע רינגעלע פון די לאנגע קייט פונעם רבי'ס הצלות נפשות ברוחניות ובגשמיות, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

## צדקה בדרך כבוד

אמאל איז געקומען אַ איד צום רבי'ן און געזאגט אז ער דארף חתונה מאכן אַ קינד, האט איהם דער רבי געפרעגט וויפיל געלט דארפסטו? האט דער איד געענטפערט דריי טויזנט דאלער, דער רבי האט איהם געזאגט ער זאל קומען מארגן, צומארגנס האט איהם דער רבי געגעבן נאר צוויי טויזנט אכט הונדערט דאלער, ווען ער איז אוועק געגאנגען האט דער גבאי געפרעגט דעם רבי'ן אזוי שווער איז געווען פאר'ן רבי'ן צו געבן נאך צוויי הונדערט דאלער, זאל שוין זיין די גאנצע סכום? האט אים דער רבי געענטפערט, ווען איך וואלט איהם געגעבן די גאנצע סכום, וואלט ווי געטוהן פאר דעם איד פארוואס ער האט נישט געבעטן מער, אזוי איז ער צופרידן מיט דעם וואס איך האב איהם געגעבן.

## געגעבן די גאנצע געלט

אמאל איז געווען אַ איד וואס איז געגאנגען נאך געלט אין חוץ לארץ פארן חתונה מאכן איינע פון זיינע קינדער, איידער ער איז אהיים געפארן איז ער געגאנגען אין בית הכסא, און ווען ער איז ארויס געקומען האט ער נישט געטראפן זיין רעקל וואס דארט איז געלעגן דאס גאנצע פעקל מיט געלט וואס ער האט צוזאמגענומען, איז ער געגאנגען צום רבי'ן ז"ל און ער האט איהם פארציילט די מעשה וואס איז געשעהן מיט די רעקל, דער רבי ז"ל האט געפרעגט וויפיל געלט עס איז געווען דארטן, און ער האט איהם געזאגט אז ער זאלווארטן נאך אַ טאג, צומארגנס האט איהם דער רבי ז"ל אריין גערופן און ער האט איהם געגעבן די גאנצע סכום.

## כאטש אַ חסידישן לבוש

שטענדיג ווען ס'איז געקומען צום רבי'ן אַ חתן וואס איז נישט געגאנגען קיין בארד, פלעגט דער רבי ז"ל איהם פרעגן: "נו, דו טוהסט כאטש אן אַ שטריימל און קאפטן", "אבער רבי ! איך האב דאך נישט קיין בארד" האט זיך דער חתן פארענטפערט, "דאס מיין איך טאקע... איך האב אויך נישט געהאט קיין בארד ווען איך האב חתונה געהאט (ווייל דער רבי איז ביי זיין חתונה געווען זייער יונג און האט נאכנישט געהאט קיין בארד) און פון דעסטוועגן בין איך געגאנגען מיט אַ שטריימל און קאפטן", דער באטרעפנדער האט פארשטאנען דעם רבי'ס כוונה וואס דער רבי פארלאנגט, און זיך גלייך אנגעטוהן ווי אַ חסידישער איינגערמאן.

## מיט די כח פון אמונה

אין יאר תשי"ט ביי די פורים'דיגע סעודה האט דער רבי ז"ל געזאגט מיט בכיות: "איך ווייס ווי גארנישט איך בין, אבער איין טרייסט האב איך אז איך ברענג אריין אמונה אין אידישע הערצער, אמונה איז מער ווי אלעם! ס'איז נישטא גרעסער פון אמונה! און מיט דעם ווער איך געטרייסט, אין די זכות פון אמונה וועט השי"ת העלפן פאר כלל ישראל צו געהאלפן ווערן מיט כל מיני ישועות.

## ימים טובים אין לאגער

אין די שווערע צייט פון די מלחמה האט דער הייליגער רבי זי"ע געטראכט וועלכע מצוות ער קען שטענדיג מקיים זיין.

*

יו"ט שמחת תורה אין לאגער האבן אלע מענטשן געקוקט ווי אזוי דער רבי ז"ל האט געוואלדיגע הימל'ישע כוחות צו טאנצן מיטן הייליגן ספר תורה און זינגען די ניגונים פון די הקפות אזוי ווי אלע יארן אין סאטמאר און געטאנצן נאך און נאך לכבוד די הייליגע תורה.

*

עס איז געווען אַ איד וואס האט געגעבן פאר'ן רבי'ן ז"ל אביסל האניג לכבוד ראש השנה ער האט נישט געוואלט מען זאל איהם באצאלן נאר געבעטן אז נאך די מלחמה זאל איהם דער רבי געבן זיין הוט אויף אַ אנדענק, און דער רבי האט מסכים געווען.

די מתנה האט ער געבעטן מיט חכמה, ווייל אזוי האט איהם דער רבי צוגעזאגט אז ער וועט געראטעוועט ווערן.

נאך די מלחמה קלאפט מען איין טאג אין טיהר דער גבאי האט געברענגט אַ פעקל פארן איד, ווי שטארק האט זיך דער איד געוואונדערט, אז דער רבי האט געדענקט זיין הבטחה וואס ער אליין האט שוין פון דעם פארגעסן.

די היט האט ער אכטונג געגעבן, און כ"א כסלו שנת תשנ"ה, ווען מ'האט געפייערט דעם שנת החמישים להצלת רבינו זי"ע, האט די משפחה געברענגט דעם היט, ווען טויזנטער סאטמארע חסידים האבן געלויבט דעם באשעפער אויף די גרויסע חסדים אז ער האט מציל געווען רבינו הק' זי"ע.

*

דער רבי פלעגט אין לאגער זיך זאמלען ווען מען האט געטיילט אביסל מרגרינה פאר יעדן איינעם צו עסן צו האט ער צוגעגרייט פון דעם שמן צו האבן מיט וואס צו צינדן חנוכה ליכט מקיים זיין מצות הדלקת נר חנוכה.

אבער דער רבי זי"ע איז ניצול געווארן נאך בעפאר חנוכה (כ"א כסלו תש"ה), און עס ווערט דערציילט אז נאך די הצלה פון רבי'ן זי"ע זענען ליידער איבערגעבליבן אידן אין לאגער, יו"ט חנוכה האט זיך דערנענטערט דארטן האבן זיי נעבעך נישט געהאט מיט וואס צו צינדן חנוכה ליכט, פון גרוים צער און וויטאג האט איינער פון די דארטיגע אידן גענומען זיין

היט און ארויף געווארפן אין די הויעך, אזוי ארום האט זיך באוויזן אויבן עפעס אַ ברעט וואס האט זיך ארויס געשטעקט און עס איז פון דארטן אראפ געפאלן אַ פעקל ליכט.

גלייך האבן די דארטיגע פארשטאנען אז דאס איז נאך וואס דער רבי ז"ל האט נאך באהאלטן, מיינענדיג אז ער וועט נאך דארפן צוקומען צו דעם אין לאגער.

## ערליך געלט ווערט נישט פארפאלן

אַ איד וועלכער איז געקומען פון די פרעמד און ער האט חתונה געהאט אין וויליאמסבורג, האט פאסירט ביי איהם אַ מעשה, אז אַ וואך נאך די חתונה האט ער געגעבן פאר זיין אידענע די דרשה געשאנק געלט פון די חתונה, אַ סכום פון פינעף הונדערט דאלער (אין שנת תשי"ד איז עס געווען גאר אַ גרויסער סכום) זי זאל איינקויפן חפצים פאר'ן שטוב, בשעת'ן איינקויפן האט זי אראפגעלייגט דאס בערזל פון די האנט, און דערנאך האט זי עס נישט געטראפן, מיט גרוים צער איז די אידענע געקומען צום רבי'ן ז"ל און מזכיר געווען די אבידה, האט די רבי געענטפערט: ערליך געלט טאר נישט פארפאלן זיין, השי"ת זאל העלפן אז עס וועט אפירקומען, מיט אַ וואך שפעטער איז דער אינגערמאן געגאנגען צו זיינם אַ קרוב צו נעמען די פאסט, ווייל זייענדיג אַ פרעמדער פלעגט ער איינצוגעבן די אדרעס פון אַ קרוב וואו זיין פאסט זאל אנקומען, בשעת ער איז געווען אין שטוב ביי יענעם קרוב האט אנגעקלאפט אין שטוב אַ גויטע און געפרעגט אויף ענגליש צו עס וואוינען נישט דא קיין ארימע מענטשן וואס האבן עפעס פארלוירן, דער קרוב האט איר גלייך פארשיקט פון דארטן, טראכטנדיג אז עפעס אַ צודרייטע פארשוין האט אנגעקלאפט, דער אינגערמאן וועלכער איז צופעליג געווען ביי דעם קרוב אין שטוב צו נעמען די פאסט ווי ער האט געהערט די פראגע איז ער שנעל ארויסגעלאפן אין די גאס און געזאגט פאר איר אז יא ער האט עפעס פארלוירן, האט זי דערציילט אז די פארגאנגענע וואך האט זי געפונען אַ סכום געלט און אזוי ווי זי איז אַ רייכע און עס פעלט איר נישט אוים דאס געלט, האט זי געטראכט אז דעם קומענדיגן זונטאג ווען זי וועט גיין אין די קירכע וועט זי דארטן געבן דאס געלט, אבער די לעצטע נעכט האט זי עטליכע מאל גע'חלומ'ט ווי אַ ראביי קומט צו איר און זאגט איר "געב צוריק דאס געלט, ווייל זיי זענען ארימע מענטשן", און זי האט געטראפן אין בערזל אויף אַ פאפיר אפגעשריבן דעם אדרעס פון דעם קרוב איז זי דעריבער געקומען פרעגן צו עס וואוינען נישט דא קיין ארימע מענטשן, דער אינגערמאן האט איר געזאגט אז דאס איז זיין געלט און ער האט איר געזאגט סימנים און אויך דאס ארט אוואו דאס געלט איז פארלוירן געווארן, און אזוי ווי די

גויטע האט געזען אז אלעם שטימט האט זי איהם אפגעגעבן דאס בערזל מיט די געלט.

## האסט געכאפט די שיף ?

עס האט דערציילט הרה"ח ר' אברהם אשכנזי ז"ל (א זוהן פון רבי יואל אשכנזי ז"ל) אז אין זיינע יונגע יארן איז ער געפארן קיין סלאנים פון ארץ ישראל אין ווינטער תרצ"ב, און זיין פאטער האט איהם אנגעזאגט אז נאך יו"ט זאל ער אריינפארן אויף אַ שבת קיין סאטמאר צום רבי'ן, אזוי האט ער טאקע געטוהן און ער האט געוויילט אויף אַ שבת ביים רבי'ן אין סאטמאר.

זונטאג ווען ער איז אריינגעקומען זיך געזעגענען מיט אַ קוויטל האט איהם דער רבי ז"ל געזאגט אז ער זאל נאכנישט אהיים פארן קיין ארץ ישראל, און דער רבי האט צוגעלייגט: "איך האב אַ סנדקאות אין די דערנעבנדיגע שטעטל, ווען איך וועל זיך צוריק קערן וועלן מיר זיך געזעגענען".

ר' אברהם האט געמוזט פארבלייבן ווארטן אויפן רבי'ן ער האט שוין געהאט געמאכט זיינע פלענער ווען אהיים צופארן מיט די שיף, האט ער געקלערט נישט אויסצווארטן דעם רבי'ן, אבער זיין פעטער הרה"ח ר' פייוויש אשכנזי ז"ל (וואס איז געווען דער גבאי פונעם רבי'ן ז"ל) האט איהם געזאגט ער זאל נישט אוועקפארן פאר ווען ער געזעגנט זיך נאכאמאל פונעם רבי'ן ז"ל.

אויפצומארגנ'ס מאנטיג האט ער נאך געווארט ביז ארום זעקס אזייגער און ווען ער האט געזעהן אז דער רבי איז נאכנישט צוריק געקומען איז ער אוועק געפארן פון דארט אן צו נעמען אַ ברכת פרידה פונעם רבי'ן און ער האט זיך באלד געיאגט צו פארן מיט אַ שנעל–צוג קיין בוקארעסט און פון דארט קיין טריסק כדי צו נעמען פון דארט אַ שיף קיין חיפה, אבער אזוי ווי ער האט זיך פארזוימט אנצוקומען האט ער פארשפעטיגט די שיף און ער האט געדארפט נעמען אַ שיף וועלכע איז געפארן קיין מצרים און פון דארט קיין ארץ ישראל.

ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט מען איהם אויפגענומען מיט אַ אויסטערלישע שמחה און פרייד און מיט באגייסטערונג, ווייל די שיף וועלכע איז געפארן קיין חיפה (די שיף אין וועלכע ר' אברהם האט געדארפט אנקומען) איז איינגעזונקען אין ים, און זיי האבן געמיינט אז ער איז שוין זיכער אומגעקומען רח"ל מיטן שיף, דעמאלטס האט ר' אברהם געזעהן אז דער רבי ברוח קדשו האט איהם מציל געווען פון אַ זיכערן טויט.

דרייצן יאר איז אריבער פון יענע געשיכטע און אַ גאנצע וועלט האט זיך שוין איבער געקערט זייט דעמאלטס, ווען דער רבי איז צו מזל אנגעקומען קיין חיפה, איז ר' אברהם ז"ל אויך אריבער צווישן די פילע אידן שלום נעמען פון רבי'ן ז"ל, ער האט אנגעטראפן דעם רבי'ן צוריק קומענדיג פון די מקוה, אזוי ווי ער האט

געגעבן שלום דעם רבי׳ן, האט זיך דער רבי אנגערופן צו איהם: נו, די האסט געכאפט די שיף?!...

## צאתך לשלום

עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין טארנא מען האט איהם גערופן ער זאל זיך שטעלן ביי די מיליטער פון שטאט סאטמאר, האט ער געטראכט א עצה ווי אזוי פטור צו ווערן דורך דעם וואס ער וועט גיין צופים פון זיין שטאט ביז סאטמאר און עס וועט איהם ווערן געשוואלן די פיס און אזוי וועט ער פטור ווערן פון די מיליטער, אזוי גייענדיג איז איהם טאקע די פיס געווארן געשוואלן, און ווען ער איז געווען אין שטאט סאטמאר איז ער געווען אסאך צייט אין מקוה און וועגן דעם האט זיך זיינע פוס אויסגעהיילט אזוי ווי פריער, האט ער זיך זייער דערשראקן אז ער האט שוין נישט קיין סיבה, איז ער אריין געגאנגען צום רבי׳ן ז״ל און ער האט איהם פארציילט זיין צרה, דער רבי האט איהם אנגעקוקט און געזאגט מיט א שמייכל, האב נישט מורא, ווייל אויך מיט געזונטע פוס וועט מען דיך נישט אריין נעמען צו די מיליטער, און אזוי איז טאקע געווען, מ׳האט איהם טאקע באפרייט, ויהי לפלא.

## ברכה שלימה

ווען דער רבי ז״ל איז געווען אין ירושלים שנת תרצ״ב, איז דער רבי געגאנגען מבקר חולה זיין, דעם ראש המקובלים אין ירושלים, דער ספרד׳ישער גאון רבי חיים שאול הכהן דוויק, וואס איז געלעגן אין ״שערי צדק״–וואלאך שפיטאל.

עס ווערט דערציילט, אז ווען דער רבי האט איהם געבעטן ער זאל איהם בענטשן ברכת כהנים, רבי חיים שאול האט פארשטאנען, אז דער רבי וויל איהם בענטשן, האט ער צוגעבויגן זיין קאפ צום רבי׳ן כדי דער רבי זאל ארויף לייגן זיינע הענט און איהם בענטשן, האט איהם דער רבי געזאגט אז ער האט געמיינט צו זאגן פארקערט, אז ער – רבי חיים שאול – זאל איהם בענטשן, רבי חיים שאול האט געוואונקען דעם רבי׳ן צו אראפ בייגן דעם קאפ נענטער צו איהם, דער רבי האט אזוי געטוהן און רבי חיים שאול האט ארויף געלייגט זיינע הענט אויפן רבינ׳ס קאפ, און איהם געבענטשט ברכת כהנים יברכך ה׳ וישמרך א.א.וו.

ביים ארויס גיין פון צימער נאכ׳ן וויזיט, האט זיך דער רבי אנגערופן צו זיינע באגלייטער: ״א איד וואס ווען מען בעט איהם א ברכה מיינט ער אז מען גיט איהם א ברכה, און עס איז ביי איהם די זעלבע זאך צו ער בענטשט צו מען בענטשט איהם, פון אזא איינעם איז ווערד צו האבן א ברכה״.

## עינים צופיות

ווען דער רבי האט פארברענגט אין ירושלים, האט די שטאט אויפגעשטורעמט

פון א שרעקליכע מעשה וואס האט פאסירט:

א קריג איז אויסגעבראכן צווישן צוויי ירושלים'ער מחותנים, און מען האט בשום אופן נישט געקענט פארגלייכן צווישן זיי, די באשטימטע צייט פון די חתונה איז שוין לאנג אריבער און עס איז נאך אלץ נישט געלונגען צו שטעלן חופה פאר די חתן-כלה.

איינער פון די מחותנים איז אריין צום רבי'ן, צו פרעגן א עצה און צו בעטן א ברכה, האט איהם דער רבי געהייסן באלד איהם ברענגען דעם תנאים.

ווען דער מחותן האט געברענגט דעם תנאים צון רבי'ן, האט זיך דער רבי אוועק געזעצט און לאנגזאם איבער געליינט דעם תנאים, אז דער רבי איז צוגעקומען צום ווארט וואו עס שטייט: "ובתוך הזמן מתי שיתרצו שני הצדדים", האט דער רבי באלד אויפמערקזאם געמאכט דעם מחותן אויפן פעלער וואס איז אריין געפאלן ווען מען האט געשריבן דעם תנאים: אנשטאט "מתי שיתרצו שני הצדדים – וועןביידע צדדים וועלן באוויליגן" איז געווען געשריבן "מתי שיתרצצו שני הצדדים – ווען ביידע צדדים וועלן זיך אמפערן"...

דער רבי האט באלד געלאזט רופן דעם צווייטן מחותן, און באפוילן ער זאל מיט זיך מיטברענגען דעם תנאים, מען האט אויפן ארט פאראכטן דעם פעלער אין די ביידע תנאים'ס, און אין א קורצע צייט דערנאך איז די חופה געשטעלט געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

## ישועות און רפואות

אין ירושלים האט געוואוינט א חשוב'ער רב הרה"ג ר' אברהם יוחנן בלומענטאל ז"ל וועלכער איז געווען דער מייסד פון די "בית יתומים בלומענטאל" אין ירושלים, ער האט געהאט א זוהן וועלכער האט ל"ע א לאנגע צייט נישט געהאט קיין קינדער, איז ער ספעציעל געקומען קיין אמעריקא עוסק זיין בצרכי רפואה ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער.

דער יונגערמאן איז אריינגעקומען צום רבי'ן ז"ל און ער האט פארציילט דער ציהל פון זיין קומען קיין אמעריקא, ער האט אויך געזאגט פאר'ן רבי'ן ווען ער זוהן ער איז, "איך קען דיין טאטן זייער גוט" – האט איהם דער רבי זי"ע געענטפערט – פאלג מיר, גיי נישט צו קיין שום דאקטער, נאר פאר גלייך צוריק אהיים וועסטו אי"ה געהאלפן ווערן, דער יונגערמאן מיט אמונה פשוטה אינעם ברכה פון דעם צדיק איז גלייך אהיים געפארן אזוי ווי דער רבי זי"ע האט איהם געהייסן און ער איז ברוך השם געהאלפן געווארן מיט קינדער און ער האט אויפגעשטעלט א אידישע שטוב לשם ולתפארת.

## עניני תפילה

עס איז געווען אמאל זייער א הייסער זומער טאג, דער רבי זי"ע האט זיך דעמאלטס אפגעריהט אין "שעראן ספרינגס" האט זיך הרה"ח ר' יוסף לייב

כהנא ע"ה אנגערופן צום רבי'ן זי"ע דא אויף דער וועלט קען מען זיך נאך א עצה געבן אקעגן שווערע היצן, מען קען זיך אפקילן מיט אן "עירקאנדישאן" אבער אויף יענע וועלט ווען מען איז אין גיהנום איז דאך נישטא קיין עירקאנדישאן וואס עס זאל אפקילן פון די גרויסע היצן...

אין גיהנום איז אויך דא אן "עירקאנדישאן" – האט איהם דער רבי זי"ע געענטפערט – ווייל די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף טו:) כל הקורא קריאת שמע ומדקדק באותיותיה מצננין לו גיהנום...

אויב איינער לייענט קריאת שמע און ער איז מדקדק אין אירע אותיות, ארויס זאגן קלאר יעדע ווארט און יעדע אות, באקומט ער שכר אז מען טוט איהם אפקילן דעם גיהנום.

## אמונת צדיקים

עס איז געווען א איד וואס האט געהאט יענע מעשה רח"ל און ער איז געווען זייער קראנק, האבן איהם זיינע נאנטע געזאגט אז ער זאל פאר'ן צום רבי'ן ז"ל און בעטן אז ער זאל געזונט ווערן, דער איד איז טאקע געפארן און ער איז אנגעקומען פאר שבת, האט ער געטראכט א מוצאי שבת וועט ער אריין גיין צום רבי'ן בעטן, נאר אזוי ווי ער האט נישט געקענט די מנהגים איז ער געגאנגען צום רבי'ן אין שטוב, האט מען איהם געזאגט אז דער רבי איז נאך יעצט אין שוהל, ער איז אנגעקומען אין שוהל ווי דער רבי האט געהאלטן

אימיטן זאגן די הייליגע לאנגע תורה (די באקאנטע שלש סעודות תורה פר' נשא), אזוי ווי דער רבי האט גערעדט זייער לאנג, האט ער שוין נישט געהאט קיין געדולד אויסצוווארטן ביזן סוף, אינמיטן די תורה איז געווארן א רעש פון מענטשן, האט דער רבי שטיל געמאכט און האט געזאגט "ווען עס געפעלט נישט וואס איך זאג קען אהיים גיין געזונטערהייט", ער איז אהיים געפארן און ביז א קורצע צייט איז ער געזונט געווארן, האט ער אריינגעטראכט און ער האט זיך דערמאנט אז דער רבי האט דאך אזוי געזאגט אז מען קען אהיים פארן "געזונטערהייט"...

## לעסוק בדברי תורה

איינמאל איז דער רבי געגאנגען צום ספרים געשעפט און ער האט געבעטן רשות פון דער מוכר אויב ער לאזט איהם קוקן אין א ספר, אזוי איז ער ארויף געקראכן אויף די לייטער און געלערנט ביז ער האט זיך דערמאנט אז ער איז אזוי הויעך, די מענטשן וואס פלעגן אריינקומען האבן זיך געוואונדערט און זיי האבן געשריגן ער זאל אראפ גיין פון די לייטער אבער דער רבי איז געווען פארטיפט אין לערנען – אזוי ווייט איז געווען זיין התמדה אין לערנען.

## מדת הזהרו בכבוד חבירכם

ס'איז אמאל געווען ערב יום כיפור פאר כל נדרי איז דער רבי צוגעגאנגען אין ביהמ"ד

צו א חשובער רב וואס ער האט געהאט מיט איהם אינמיטן יאר א וויכוח אין א הלכה ענין און דער רבי האט געהאלטן אז ס'קען אפשר זיין א דער רב האט עפעס אן הקפדה אויף איהם, האט איהם דער רבי געזאגט אז ער וויל איהם מפייס זיין איבער יענעם ענין וואס זיי האבן געהאט א וויכוח אינמיטן יאר ווייל ס'קען אפשר זיין אז אינמיטן גרויסן וויכוח האט ער אפשר גערעדט שארף נישט ווי עס פאסט זיך לפי כבודו.

## צדיק גוזר והקב"ה מקיים

איינמאל איז געווען א תלמיד פון דעם רבי'ן ז"ל וואס זיין קינד איז געווען זייער שטארק קראנק מ'איז געלאפן רופן די דאקטורים, די דאקטורים האבן נישט געקענט העלפן, האט מען געלאזט רופן די הויפט דאקטער, די הויפט דאקטער האט געזאגט אז דאס קינד וועט נישט קענען לעבן מער ווי אפאר טעג רח"ל, ווען דער טאטע האט דאס געהערט האט ער אויפגעהויבן די הענט צום טאטן אין הימל און געבעטן א הייסע תפילה פון באשעפער, אויף די רפואה פאר זיין קינד, ער האט זיך פלוצלינג דערמאנט אז ער האט א רבי וואס פועל'ט אוים ישועות איז ער גלייך אריבער געלאפן צום רבי'ן און פונקט דעמאלטס האט דער רבי געהאלטן אינמיטן פארלערנען א שיעור, נאך א קורצע צייט וואס ער שטייט מיט א צובראכן הארץ האט דער רבי ז"ל אויפגעהויבן זיינע אויגן און דער רבי ז"ל האט איהם געפרעגט וואס ער וויל, האט ער פארציילט זיין צרה אז זיין קינד איז זייער קראנק און וואלגערט זיך צווישן לעבן און טויט, האט דער רבי ז"ל זיך צושמייכלט און געזאגט: "ס'איז נאר א פארקילעכטס", האט דער איד זיך זייער געוואונדערט צו זיך, ווי אזוי קען עס זיין? אלע דאקטורים זאגן אז ער קען נישט לעבן מער ווי א טאג צוויי, האט איהם דער רבי נאכאמאל געענטפערט: "ס'איז נאר א פארקילעכטס", און דער רבי האט איהם געוואונטשן אז עס וועט אלעם זיין אין ארדענונג.

דער איד איז אהיים געקומען און האט געזעהן זיין קינד פילט זיך נאך אלץ נישט גוט, ער האט זיך אראפ געלייגט שלאפן מיט אמונה און בטחון אזוי ווי עס שטייט אין גמרא צדיק גוזר והקב"ה מקיים.

צופרי איז די קינד אויפגעשטאנען, די דאקטורים זענען אריין געקומען אין צימער און געזעהן א געזונטע קינד, האט ער פאר זיי דערציילט: מיין רבי האט מיר נעכטן געוואונטשן אז עס וועט זיין אלעם אין ארדענונג, און יעצט צופרי איז דאס קינד אויפגעשטאנען געזונט און פריש.

## אהבת ישראל

איינמאל איז אריין געקומען צום רבי'ן ז"ל א איד, און זיך אפגערעדט אז ער האט אסאך צרות, ער האט נישט גענוג געלט צו באצאלן פאר די דאקטורים, און דער רבי

איז געווארן זייער צובראכן, האט דער רבי געגעבן א שאר אראפ אלע געלט וואס איז געווען אויפן טיש, דער איד האט דאס גענומען און איז ארויס, ווי נאר דער איד איז ארויס, קומט דער גבאי אריין און זאגט פאר׳ן רבי׳ן אז דער איד איז אין גאר א פיינעם צושטאנד און ער דארף נישט קיין געלט, האט דער רבי אויפגעשיינט און געזאגט, "ברוך השם אז דער איד האט נישט קיין צרות".

פון דא קען מען זעהן די גרויסקייט פונעם רבי׳ן, אז אנשטאט ער זאל צוריק רופן דעם איד און איהם אנשרייען, האט ער זיך געפרייט אז עס איז נאר סתם און נישט אמת.

## צדקה בדרך כבוד

די מאמע פונעם רבי׳ן ז״ל האט איהם געקויפט זייער א טייערע און שיינע אייוון אז ער זאל קענען גרינגער לערנען, און ווען דער רבי האט זיך דערוואוסט אז עפעם א משפחה האט געבוירן א קינד און זיי זענען זייער ארעם זיי זענען יתומים, האט ער אוועק געגעבן די אייוון פאר די משפחה אז עס זאל זיי זיין גרינגער און האט פאר קיינעם נישט דערציילט וואס ער האט געטוהן, איינמאל איז זיין מאמע געגאנגען באזוכן יענע ארימע משפחה האט זי זיך זייער געוואונדערט אז זיי האבן די זעלבע אייוון וואס זי האט געקויפט פאר׳ן רבי׳ן, האט יענע מאמע געזאגט אז טאקע דער רבי האט דאס זיי געגעבן.

## לא תגורו מפני איש

א חשובער מענטש פון די קהילה אין קראלי וועלכער איז געווען פון די וואס האבן אויפגענומען דעם רבי׳ן אלץ רב, האט געהאט א דין תורה מיט א צווייטן ביים רבי׳ן, נאכן אויסהערן די טענות פון די בעלי דינים האט דער רבי ארויס געגעבן זיין פסק וואס האט בארעכטיגט דעם צווייטן, און דער ערשטער האט פארשפילט די דין תורה, האט ער זיך אנגערופן מיט עזות און געזאגט צום רבי׳ן, איך האב דעם רבי׳ן געברענגט אהער אלס רב, און איך קען איהם אויך צוריק שיקן פון דא, האט איהם דער רבי געענטפערט "עס שטייט אז משיח צדקינו וועט קומען מיט א אייזל, אבער ער וועט נישט צוריק גיין מיט א אייזל"...

## איש חסיד היה

א חסיד פון רבי׳ן פון שטאט סאטמאר האט מיט דער צייט ליידער גענומען אראפגיין אביסל פון אידישן וועג, ער האט אפילו איבערגעטוישט זיינע אידישע קליידער און די חסידישע לבוש, און ער האט אפגעשוירן זיין בארד, נאך פיל יאהרן איז ער געקומען צום רבי׳ן אין אמעריקא, האט איהם דער רבי געפרעגט ווער ביסטו, האט ער געענטפערט איך בין לייזער דעם רבינ׳ס תלמיד פון סאטמאר, האט איהם דער רבי געפרעגט ווי אזוי ביסטו אזוי אנדערש געווארן, האט ער געענטפערט,

דער רבי ווייסט דאך אז איך בין געפארן צו די מדינה פון די ציונים בין איך דארט קאליע געווארן, האט דער רבי געזאגט מיט א שמייכל "יעצט פארשטיי איך שוין וואס עס שטייט אין פסוק ובא לציון גואל, דער טייטש פון גואל איז אויס-לייזער, זעט אויס אז ווען מ'פארט קיין ציון - מיינט מען די ציונים - ווערט מען אויס לייזער" (דאס מיינט אז עס איז שוין נישט דער זעלבער לייזער ווי פארדעם), דער רבי האט איהם פארבעטן צו בלייבן ביי איהם ביז נאך שבת אויף די סעודה פון מלוה מלכה, ביי די סעודה האט איהם דער רבי מכבד געווען צו זינגען דעם זמר איש חסיד היה" (מיינענדיג אז ער איז אמאל געווען א חסיד, האפנטליך אז ער וועט זיך נאך צוריק קערן צום אמאל), ווי פארשטענדליך איז דער איד צוריק צוגעצויגן געווארן צום רבי'ן.

## "בסדר" האט צוויי פשטים

א איד פון ארץ ישראל איז אמאל אריינגעקומען צום רבי'ן, האט איהם דער רבי געפרעגט וואס איז דער מצב אין ארץ ישראל?, האט ער געענטפערט, ברוך השם בסדר. האט דער רבי געזאגט: בסדר? אין די נאכט פון 'סדר' עסט מען אויך מרור...

## חסידים הראשונים

דער רבי ז"ל האט אמאל געשיקט רופן דעם צעהלימער רב ר' לוי יצחק גרינוואלד זצ"ל ער זאל קומען מיטן רבי'ן צוזאמען וועגן עפעס א עסקנות און א דבר מצוה און ער האט געזאגט דעם צעהלימער רב אז ער גייט "שוין" ארויס, אבער למעשה האט דער רבי ערשט אין א שעה ארום געקענט ארויסגיין, האט דער צעהלימער רב געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל: "שוין - מיינט א שעה?", האט דער רבי געענטפערט, אזוי שטייט דאך אין חז"ל חסידים הראשונים היו "שוהין" שעה אחת...

## רגל בפני עצמו

אין די עלטערע יארן פונעם רבי'ן, האט דער דאקטער געהייסן דעם רבי'ן ער זאל לאזן רוהען זיינע פוס, און שמחת תורה איז דער דאקטער אריינגעקומען אין רבינ'ס בית המדרש, האט ער געזעהן ווי דער רבי טאנצט מיט התלהבות פאר די תורה האט ער געפרעגט דעם רבי'ן, פארוואס גיבט איר נישט אכטונג אויף אייער פוס?, האט דער רבי געענטפערט "עס שטייט אין גמרא אז שמיני עצרת איז א 'רגל' בפני עצמו"...

## א ערליכער איד

עס איז אמאל אריינגעקומען א איד מיט זיין קינד וועלכער האט נאר געקענט רעדן אין עברית, האט דער רבי געזאגט צום קינד זאג מיר נאר טייער קינד ווי אזוי זאגט מען אין עברית "א ערליכער איד!", האט דאס קינד געענטפערט "רבי, עס איז

נישטא אזא זאך אין עברית", האט דער רבי א שאקל געטוהן מיטן קאפ, און געזאגט: ריכטיג, האסטו געזאגט מיין קינד, עס איזווירקליך נישטא אזא זאך אין עברית.

## תפילה בעתו ובזמנו

עס איז באקאנט אז דער רבי זי"ע פלעגט דאווענען שחרית זייער שפעט יעדן טאג, ווי פארשטייט זיך האט ער דאס נישט געהאלטן פאר א קביעות'דיגע זמן תפילה, נאר ער האט דאס געמאכט ממש בלית ברירה ובאונס, עס האט פארציילט הרה"ח ר' אברהם ווערצבערגער ז"ל וואס איז געווען דערביי, אז ווען דער רבי האט חתונה געמאכט זיין עלטסטע טאכטער חיה רויזא ע"ה בשנת תרפ"ד, האט דער רבי איינגעלאדנט זיין עלטערע ברודער דער עצי חיים זי"ע צום שבע ברכות וואס איז פארגעקומען פרייטיג מיטאג, אינמיטן די סעודה איז דער עצי חיים אנגעקומען, פרעגט איהם דער רבי ז"ל וואס איז געזעהן אז ער האט זיך פארזוימט, האט דער עצי חיים געענטפערט, איך ווייס דאך אז דו דאוונסט שפעט, דער רבי האט אויפגעציטערט "איך דאווען שפעט?", איך וויל דאווענען יעדן טאג פריה, וואס זאל איך טוהן אז עס גייט מיר נישט, און מ'האט געזעהן אז עס באדערט איהם אז מ'באטראכט איהם ווי איינער וואס דאוונט לכתחילה שפעט.

## עבודה שבלב

ווי באוואוסט האט דער רבי זי"ע געדאוונט מיט א מורא'דיגן השתפכות הנפש, מען דערציילט אז זיין פאטער דער קדושת יום טוב ווען ער פלעגט זיך טרעפן מיט רבנים האט ער געבעטן זיי זאלן רעדן מיטן רבי'ן זי"ע אין לערנען, איינמאל האבן זיך צוזאם געטראפן דער ערוגת הבושם מיטן קדושת יו"ט, האט דער ערוגת הבושם דערציילט אז ער האט פארהערט דעם רבי'ן זי"ע אין הלכות בשר וחלב און ער האט זייער גוט געקענט, האט דער קדושת יו"ט געענטפערט עס איז נישט א וואונדער ווייל גרויסע רבי'ם וואלטן זיך געוואונטשן צו זאגן אהבה רבה מיט אזא צובראכן הארץ ווי ער זאגט, פארשטענדליך אז פון אזא תפילה מעומק הלב, איז מען מצליח אין תורה.

## עין ה' ליראיו להציל ממות נפשם

ביי די צווייטע וועלט מלחמה האט הרה"ח ר' אפרים משה לוי ז"ל געוואוינט אין א דערפל 'קומערזאן' נישט ווייט פון די שטאט סאטמאר, ווען ער האט געהערט אז די רשעים ימ"ש קומען אריין אין שטאט און זיי נעמען גלייך די רבנים מיט די ראשי הקהילה אין תפיסה, האט ער געשיקט א בריוו קיין סאטמאר צום רבי'ן זי"ע אז דער רבי זאל קומען צו זיי אין דארף זיך באהאלטן ביז עס וועט אריבער גיין די סכנה, און ער האט צוגעשריבן אז ער מיט די צוויי גרויסע קינדער און די צוויי גרויסע

טעכטער וועלן שטיין צוהילף פאר'ן רבי'ן אלעם וואס ער דארף, א שטיק צייט נאכדעם האט ער צוריק באקומען א בריוו פונעם רבי'ן אז מ'האט שוין מסדר געווען פאר איהם וואו צו זיין, און ער דאנקט איהם און וואונטשט איהם אן, אז זיי זאלן אדורך גיין די מלחמה בשלום, נאך די מלחמה האט ער געזעהן אז נאר ער מיט זיינע צוויי זוהן און צוויי טעכטער זענען געבליבן לעבן, אבער זיין פרוי מיט אנדערע דריי קינדער זענען ל"ע אומגעקומען ביי די מלחמה, ער האט געזעהן אז די ברכה פון דעם רבי'ן ז"ל האט זיי געראטעוועט פון די מלחמה, און עם האט איהם שטארק ווייי געטוהן אז ער האט נישט דערמאנט ביי די בריוו אויך זיין פרוי מיט די דריי קלענערע קינדער און אזוי האבן זיי נישט באקומען די ברכה פונעם רבי'ן ז"ל.

## וראיתם אותו

אין יאר תשל"ח לערך איז אריינגעקומען א היימישער יונגערמאן מיט זיינע קינדער צום רבי'ן זיך געזעגענען מיט א קוויטל, דער רבי זי"ע ליינט אפ דאס קוויטל און ער שטעלט זיך אפ ביי א נאמען פון איין קינד, און ער פרעגט אויב דאס קינד האט ציצית, דער פאטער פון קינד האט געענטפערט מיט א זיכערקייט 'אוודאי האט ער ציצית', ווען דער איד איז שוין געווען אינדערויסן פון רבינ'ס צימער האט ער געקוקט אונטערן העמעד פונעם קינד און געזעהן אז דאס קינד האט טאקע נישט געהאט אנגעטוהן קיין ציצית.

## צדקה בדרך כבוד

ווען דער רבי זי"ע איז געווען אלט 9 יאר האט איהם זיין געטרייע מאמע חנה ע"ה געקויפט א טייערע ווארימע מאנטל וואס האט אויף זיך א פעל, כדי עס זאל איהם שטארק ווארעם מאכן, און זי האט אנגעזאגט פאר ר' יעקב צבי ז"ל [וואס ער האט אכטונג געגעבן אויפן רבי'ן אלעמאל], אז ער זאל אכטונג געבן שטארק אז דער רבי זאל נישט פארלירן די טייערע מאנטל, איינמאל זעהט ר' יעקב צבי ז"ל אז דער רבי קומט אין שוהל אן די מאנטל, פרעגט ער איהם, וואס איז געשעהן מיט דיין מאנטל? האט ער געענטפערט, איך האב מחליט געווען אז עס איז אזא קליינע וועג פון שטוב ביז די שוהל מוז איך עס נישט אנטוהן, ר' יעקב צבי ז"ל האט פארשטאנען אז ער דרייט זיך ארום ער וויל נישט דערציילן אוואו איז באמת די טייערע מאנטל האט ער זיך גענומען אויספארשטן, ביז ער האט זיך דערוואוסט טאקע אז דער רבי האט געגעבן די מאנטל פאר עפעס א רייכער מענטש – ר' זושא – אלץ משכון, ווייל ער האט אויסגעבארגט פון ר' זושא אסאך געלט, איז ער געגאנגען צו דער רבי פרעגן פארוואס דארפסטו האבן געלט, און וועגן דעם גיבסטו פאר א משכון דיין מאנטל, האט איהם דער רבי געזאגט, יא,

איך האב געהערט ווי אזוי א איד קומט צו מיין טאטע דער קדושת יום טוב זצ"ל, און פארציילט אז ער דארף בקרוב חתונה מאכן א קינד, איך דארף האבן אזא גרויסע סומע געלט, וואס זאל איך טוהן? איך האב דאך נישט, האט דער קדושת יום טוב איהם געגעבן א חלק פון די סומע געלט וואס עס פעלט איהם אויס, בין איך געגאנגען שנעל צום עושר פון שטאט און געבעטן ער זאל מיר לייען געלט און איך געב איהם דערווייל אלץ משכון מיין טייערע מאנטל, און אז דער עושר האט מיר געגעבן די געלט האב איך עס שנעל געגעבן פאר'ן איד און דער איד איז געווארן אזוי פרייליך אז ער האט שוין די גאנצע געלט און קען שוין חתונה מאכן זיין קינד, זאגט איהם ר' יעקב צבי, דו ביסט זייער גערעכט, אבער וואס זאל איך טוהן אז דיין מאמע האט מיר געהייסן אכטונג געבן אויף דיין מאנטל און יעצט האסטו עס נישט, האט דער קלוגער יואל'ישל גענטפערט און געזאגט, איך האב א גוטע עצה, קום מיט מיר אין שוהל צוזאם נעמען געלט, און אזוי וועל איך האבן די סכום געלט וואס איך האב געליגן פון דעם עושר און איך וועל איהם עס צוריק געבן וועט ער מיר מוזן צוריק געבן מיין מאנטל, און אזוי האבן זיי טאקע געטוהן, זיי זענען ארום געגאנגען נאך געלט אין שוהל, אלע האבן איהם געגעבן שיין געלט און טאקע צוריק געגעבן פאר'ן עושר די סכום און אזוי צוריק באקומען זיין טייערע מאנטל, ווען זיין טאטע דער קדושת יום טוב זצ"ל האט דאס געהערט האט ער זייער הנאה געהאט אז ער האט זוכה געווען צו א קינד וואס האט ליב צו געבן צדקה.

## דער רבי הייסט גיין צו א וואן נאכט

איינמאל שבועות ביינאכט אינמיטן טיש פרעגט דער רבי פאר ר' אברהם ווערצבערגער ז"ל, דו ביסט געווען ביים וואך נאכט ביי ר' חנא? האט ר' אברהם געענטפערט ניין, פרעגט דער רבי, פארוואס ביסטו נישט געגאנגען, זאגט ר' אברהם, ווייל איך האב נישט געוואלט פארפאסן דעם רבי'נס טיש, זאגט דער רבי, דו ביסט דאך א מוהל, דו דארפסט יא גיין, אזוי ווי ער האט געזעהן אז דער רבי וויל ער זאל גיין האט ער איבער געלאזט די טיש און איז אריבער געלאפן צום וואך נאכט שנעלערהייט געבן לחיים ער זאל זיין צוריק צום בענטשן, ער קומט אן צו ר' חנא'ס דירה און ער עפנט די טיהר זעהט ער ווי די גאנצע טישטעך פלאמט פון די ליכט און ר' חנא'ס משפחה שלאפט זיך רוהיג, האט ער זיך גענומען שרייען ביז אלע שכנים זענען אנגעקומען און בנסי נסים זענען זיי געראטעוועט געווארן, אזוי האט דער רבי געראטעוועט א גאנצע משפחה.

## עניו מכל האדם

דער רבי בעל ברכך משה זי"ע ביים הספד אויפן רבי'ן זי"ע ביי די לויה האט

דערציילט ווי פאלגנד: איך געדענק נאך ווען די טאכטער פון פעטער זי״ע איז נפטר געווארן ל״ע זייענדיג גאר יונג, האט דער פעטער איר מספיד געווען, און האט געזאגט אז אין אמת'ן ראש חודש טאר מען דאך נישט מספיד זיין, נאר עס ווערט געברענגט אז בעל חטא גדול מעג זיך יא מתוודה זיין אויף זיינע עבירות אפילו שבת אויך, האט דער פעטער ממשיך געווען מיט גרויס עניוות איך וויים אז די חשובע טאכטער הצדיקת איז נישט נפטר געווארן וועגן איהרע עוונות, נאר וועגן מיינע עוונות, דעריבער בין איך זיך דא מתוודה, חטאתי, עוויתי, פשעתי, פארציילט ווייטער דער רבי בעל ברך משה אז ווער ס'איז נאר דארט געווען האט אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין ווייסנדיג זיכער אז דאס איז נישט צוליב דעם רבי'נס עבירות ח״ו, נאר ער פאר זיך האט זיך געהאלטן פאר די גרעסטער חוטא.

## אהבת ישראל - מיטגעפילט א צווייטן

א אלמנה איז אמאל אריין צום רבי'ן זי״ע און געשריגן און געוויינט מיט א צובראכענע הארץ, רבי, העלף, איך האב נישט קיין פרוטה, די חתונה טאג דערנענטערט זיך און איך קען נישט ערפילן מיין הבטחה פאר די מחותנים, דער רבי זי״ע האט גלייך אוועק געגעבן פאר די אלמנה א גרויסע סכום געלט וואס

האט געדעקט אלע הוצאות החתונה, און די אלמנה איז אויפגעלויכטן געווארן, עס איז אריבער א שטיק צייט, איין טאג זעהט דער גבאי ווי די רבי זיצט מיט א תהלים און פון זיינע אויגן פליסן טייכן טרערן, עס האט אויסגעזעהן ווי עפעס א ערנסטע זאך איז געשעהן, עפעם דריקט פאר'ן רבי'ן, ווען דער רבי האט געענדיגט האט דער גבאי זיך דערוואגט צו פרעגן פאר'ן רבי'ן וואס איז היינט געשעהן? פארוואס האט דער רבי אזוי געוויינט? האט איהם דער רבי געענטפערט היינט איז די חתונה טאג פון די יתומה. איז צוליב דעם האט די רבי געוויינט? האט דער גבאי געפרעגט, זי האט דאך שוין באקומען פונעם רבי'ן די גאנצע סכום געלט און ברוך ה' זי האט שוין חתונה, איז וואס איז יעצט די געוויין? האט דער רבי געזאגט, זי האט טאקע די גאנצע געלט, אבער זי האט נישט קיין טאטע זאל דאווענען פאר איהר ביי די יום החופה.

## מנהיג ישראל

די מעשה האט פאסירט ווען דער רבי זי״ע איז נאך געווען רב אין שטאט סאטמאר, מוצאי יו״ט האבן געווארט אסאך מענטשן זיך געזעגענען און קענען אהיים פארן, דער רבי איז אבער פארמאכט אין צימער און די שעות ריקן זיך, איז די רעביצין אריין צו איהם און געזאגט, עס ווארטן אסאך מענטשן פון גאנץ ווייטע ערטער, און עס איז שוין שפעט, רופט זיך אן דער רבי זי״ע,

איך ווייס דאך אויף וואס די מענטשן ווארטן, דער וויל פרנסה, דער וויל געזונט, דער גוטע זיווגים, א.א.וו. בין איך דען ראוי אז מ'זאל קומען צו מיר צו געהאלפן ווערן? זייַן איך און בין מתפלל צום באשעפער ער זאל שיקן זיין ברכה צו די אלע אידן.

## צדקה וחסד

ס'איז געווען א מענטש אין ארץ ישראל וואס האט געשריבן אין די צייטונגען לטובת די ציונים, און דער רבי ז"ל האט עס זייער וויי געטוהן, איינמאל האט דער צייטונג שרייבער געדארפט פארן אין אמעריקא און זיין ווייב איז געווען זייער קראנק און ער האט נישט געהאט גענוג געלט צו באצאלן, האט איהם דער רבי ז"ל באצאלט די גאנצע געלט וויפיל עס האט זיך געדארפט, האט ער געליובט דעם רבי'ן, און דער רבי פרעגט איהם אויב ער האט גענוג געלט צו באצאלן צו פארן אהיים, האט ער געזאגט ניין, האט איהם דער רבי באצאלט דעם גאנצן סכום, פון דעמאלטס האט ער איינגעזעהן אז דער רבי איז גערעכט אין זיין הייליגע וועג, און האט שוין קיין איין מאל נישט גערעדט און נישט געשריבן אויפן רבי'ן זי"ע.

## אין זכות פון בטחון

ר' משה בירנבוים האט דערציילט אז אמאל האט זיך איהם געמאכט עפעס א גוט געשעפט, אבער ער האט געדארפט האבן א שותף און ער האט געטראפן א שותף א גוי אבער ער האט נאכנישט געשלאסן ביזנעס, ביז דערווייל האט שוין א אנדערער איד איהם מקדים געווען און ער איז געווארן א שותף מיט דעם גוי מיט די זעלבע סארט געשעפט, איז ר' משה בירנבוים אריין צום רבי'ן, האט זיך דער רבי אנגערופן, דאס איז דען די איינציגסטע וועג? האט ער פארשטאנען אז אויב ער וועט זיך צוריק ארייגלייגן יעצט אין זיין אלטע ארבעט וועט ער גוט פארדינען, האט ער זיך צוריק גענומען צו זיין אלטע ארבעט און גוט מצליח געווען, אבער ביי זיין אלטע געשעפט האט ער געהאט פראבלעמען מיט די מדינה, איז ער געגאנגען צום רבי'ן זיך מזכיר זיין, האט איהם דער רבי געזאגט, זאלסט גארנישט טוהן קעגן די חוקי המדינה, וכך הוה, ער איז נישט געגאנגען אקעגן זיי און ער האט מצליח געווען.

## בעבור שיתן...

איינמאל האט א עושר געקויפט א עליה און ביי מי שברך האט ער צוגעזאגט 47 $ ווען מ'האט איהם געפרעגט פארוואס ער גיבט פונקט $47 האט ער געענטפערט ווייל דעם רבי'נס הייליגע נאמען "יואל" איז בגימטריא 47, האט זיך דער רבי ז"ל אנגערופן, אינדערהיים אלץ אינגל האט מען מיר גערופן "יואלישל", האט דער עושר געדארפט צולייגן נאך $340.

## "נעבעך"... א געזונטער!

איינמאל איז אריין געקומען צום הייליגן רבי'ן זי"ע א איד און ער האט זייער שטארק געוויינט פאר'ן רבי'ן אז ער האט אסאך צרות, דער רבי האט נישט געטראכט און גענומען די גאנצע געלט וואס איז געליגן אויפן טיש פון אלע קוויטלעך און פדיונות און האט דאס אוועק געגעבן פאר'ן איד, ווען דער איד איז ארויס פרייליכערהייט, איז אריין געקומען ר' יוסף אשכנזי און געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס האט דער רבי געגעבן פאר דעם איד דאס גאנצע געלט, דער איד איז דאך א עושר? האט דער רבי געזאגט מיט שמחה, ברוך ה' אז דער איד איז א עושר, זאל ער טאקע האבן אלע מאל געזונט פרנסה לעבן.

## חכמה

אמאל האבן 2 גבירים געהאט א גרויסע סכסוך צווישן זיך וועגן געלט זאכן, זיי האבן באשלאסן אז אנשטאט זיך צו קריגן וועלן זיי געבן דאס געלט פאר'ן רבי'ן ז"ל, ער זאל עס צוטיילן פאר צדקה, און אזוי האבן זיי טאקע געטוהן, זיי זענען געגאנגען צום רבי'ן און איהם געגעבן דאס געלט, האט זיך איינער אנגערופן, דער רבי זאל מיר אנוואונטשן אז אין זכות פון די מצוה... האט זיך דער צווייטער אנגערופן, ניין, ס'איז מיין מצוה, האבן זיי זיך ווייטער אנגעהויבן צו קריגן, האט דער רבי מיט גרויס קלוגשאפט זיך אנגערופן, עס שטייט מצוה גוררת מצוה, ווער ס'וועט געבן נאכאמאל אזוי פיל געלט איז א סימן אז ס'איז "זיין" מצוה.

## איך האב נאכנישט תשובה געטוהן

עס האט דערציילט הרה"ח ר' חיים שטערן ז"ל וועלכער איז אויך געווען אויפן בערגן בעלזן באן, אז איינמאל ווען מ'איז שטיין געבליבן אונטערוועגנס מיט די באן און עס איז געווען א פארדאכט אז מען וויל פארשיקן די באן קיין אוישוויץ, ווען דער רבי האט געהערט אז עס איז פארהאן אזא פארדאכט האט ער זיך גאר שטארק צופייערט, ער האט זיך גענומען קלאפן שטארק מיט די פוס אויף די ערד און געשריגן, 'דאס קען נישט זיין, דאס קען נישט זיין, איך האב נאכנישט תשובה געטוהן'.

## אין הקב"ה מביא תקלה לצדיקים

ווען דער רבי ז"ל איז געווען איינגעשפארט אין די לאגערן האט ער זיך מוסר נפש געווען אויף יעדע הלכה פון שולחן ערוך, וועגן דעם האט ער מסדר געווען אז יעדן טאג זאל איינער שטיין און קוקן ווען מ'נעמט מילעך פון די קוה, כדי דער רבי זאל קענען טרינקען כשר'ע מילעך, איינמאל האט פאסירט אז דער רבי האט געפרעגט דעם איד וואס פלעגט שטיין יעדן טאג, אויב אין דעם טאג איז ער

אויך געשטאנען, האט יענער געזאגט אז פונקט היינט איז ער נישט געשטאנען ווען מ'האט גענומען די מילעך, אבער ער איז זיכער אז ס'איז כשר, ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער באשלאסן נישט צו טרינקען דארטן ווייטער קיין מילעך, ווייל ער האט געזעהן אז נישט יעדן טאג גיבט מען גוט אכטונג, די רעביצין האט דאס געזעהן איז זי געווארן שטארק דערשראקן, ווייל דער רבי האט דאך כמעט גארנישט אריינגענומען אין מויל, וועגן די חומרות און חששות פון כשרות, האט זי גערופן א בית דין פון דריי חשוב'ע מענטשן פון די לאגער, און דארטן געזאגט די טענות וואס זי האט אויפן רבי'ן אז ער לייגט זיך אריין אין א סכנה, דער רבי האט אבער געזאגט אז ער וויל נישט טרינקען ווייל ער איז חושש אויף די כשרות פון די מילעך, די בית דין וואס האט אויסגעהערט די טענות פון די רעביצין האט איר געגעבן גערעכט, און זיי האבן גע'פסק'נט אז דער רבי דארף יא טרינקען מילעך כדי ער זאל זיך קענען שטארקן, ווען דער רבי ז"ל האט געהערט די פסק האט ער געזאגט אז א פסק פון א בית דין איז דא צייט צו מקיים זיין ביז דרייסיג טעג, און אויב ער וועט נישט האבן כשר'ע מילעך ביז דרייסיג טעג וועט ער מקיים זיין די פסק פון די בית דין, און דער רבי האט געהייסן פאר'ן גבאי ר' יוסף אשכנזי זאל מיטנעמען מיט זיך מילעך כדי ער זאל האבן ביי זיך מילעך נישט עובר צו זיין אויף די פסק בי"ד, די טאג כ"א כסלו די טאג וואס דער רבי איז געווארן באפרייט פון די לאגערן, איז געווען די דרייסיג'סטע טאג פון די פסק פון בית דין, ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין שווייץ האט מען איהם שוין געברענגט כשר'ע מילעך און ער האט עם געקענט טרינקען זייענדיג זיכער אז ס'איז כשר איינגאנצן.



לטובת נשמת

כ"ק מרן רבינו **יואל** בן הגה"ק

רבי **חנני' יום טוב** זי"ע

עלה בסערה השמימה

**ביום כ"ו מנחם אב**

שנת תשל"ט לפ"ק

תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו ימליץ טוב בעדינו

